אהרן גאלדבערג (האָנ. סעק „פר. יי. ל.״)

## „פריינט פון יידיש לשון״ און זיין טעטיקייט

אין פאַריקן העפטל (נומ. 57) האָבן מיר אָפּגעדרוקט אַ פייערלעכן קול־קורא צו אַלע די פריינט און חברים פון דער לאָנדאָנער יידישער אינטעליגענץ, און די, וועלכע האָבן אַ באַציאונג צום קולטורעלן יידישן לעבן אין לאָנדאָן. די אויפגאַבן און צילן זיינען אויך רעזומירט געוואָרן אין אַלגעמיין. עס בלייבט איצט צו זען אויף וויפיל אונזער רוף איז דערהערט געוואָרן און ווי גרויס עס איז דער דראַנג און דער וואונטש, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל דערהויבן ווערן צו אַ העכערער ניוואָ.

„פריינט פון יידיש לשון״ טרעט צו רעאָרגאַניזירן און פערצווייגן זיין טעטיקייט אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב אין איר קולטור אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, וואָס זי פירט אָן זינט אייניקע יאָרן. אויף די לעצטע קאָמיטע זיצונגען איז באַשטימט געוואָרן צו פאָרמען אַ גרויסע יידישע קולטורעלע אָרגאַניזאַציע, באַזירט אויף מיטגלידערשאַפט און חברשאַפט; דערמיט האָט די אָרגאַניזאַציע „פריינט פון יידיש לשון״ דעם צוועק:

1. צו דערנענטערן און באַהעפטן די אָבגעריסנקייט, אָבגעשליסנקייט פון יידישן ישוב דאָ, כדי אַריינצוברייגנען אַ וואַרימע און לעבעדיקע אַטמאָספערע סיי אין יידישן פערזענלעכן, סיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן;

2. צו ענטוויקלען, באַרייכערן דאָס יידישע לעבן, איר ליטעראַטור און קונסט, אירע גייסטיקע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע ווערטן ביים יידישן פאָלק

3. צו דערנענטערן איר יוגענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיט דער יידישער סביבה און מיט די פראָבלעמען און קאַמפן פון יידישן פאָלק.

4. צו ענטוויקלען און פערשפרייטן נאָך מער די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס אין פאָרעם און אינהאַלט;

5. צו פערגרעסערן און באַרייכערן די חודש־„העפטלעך״ אין כמות און איכות.

צו שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע און אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל ווערן אַ בית־הכנסת, אַ זאַמלהויז פון אַלץ וואָס דאַרף אויפגעהאַלטן און צעמענטירט ווערן אין לעבן פון אַ פאָלק, באַזונדערס צו שטאַרקן און פעסטיקן דאָס לעבן אין ענגלאַנד, וואָס איז אימפּעראַטיוו פאַרן יידישן קיום דאָ אויפן אָרט.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאקס

(אין גרענד פּאַלעי, קאָמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער,)

שבת, דעם 4־טן נאָוו. — לכבוד 27 יאָר סאָוועט־רוסלאַנד.

שבת, 11־טן, — י. ראָלין, די מזרח־יידישע איינוואַנדערונג אין ענגלאַנד. בעלקין וועט פאָרלייענען פון לאָנדאָנער יידישן שאַפן.

שבת, דעם 18־טן, — י. טיגער, איבער וועלוול זבאַרזשער.

שבת, דעם 25־טן,—דר. טענענבוים, איבער יידיש־דייטשע מוזיק.

**א. נ. שטענצל**

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי און זין, 129־131, קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.
פרייז -/1



# לכבוד חנוכה

## איבער די שריפטן-שאפונגען פון דער חשמונאים עפאכע

(אַן אַריינפיר־וואָרט אַזאַ צום חנוכה־„העפטל״ הייאָר)

.1

אין משך פון אונזער לאַנגער געשיכטע איז אונזער לאַגע געווען אַזעלכע, אַז מיר האָבן פאַרגעסן, צי די אַכט ליכטלעך, וואָס מיר צינדן אָן אין חנוכה זיינען טאַקע אילומינאַציעס, גלאָריע־פייערן פאַר אונזערע גבורים, פאַר די מכבי־העלדן, אָדער זיינען דאָס גאָר צאַנקנדיקע יאָרצייט־ליכטלעך נאָך אונזערע אומגעקומענע דעמלט, אונזערע קדושים און פאַרפייניקטע.

איז דאָך אויך אונזער לאַגע געווען אַזעלכע, אַז פונם גאַנצן בוך חשמונאים א׳ און ב׳ פון די כתבים אחרונים, פון די אַלע העלדן־טאַטן פון די חשמונאים זין און פון די אַלע וואונדערלעכע מכבי־קאַמפן און נצחונות, איז אין תלמוד נאָר אַ פּאָר שורות דערמאָנט: פונם קריגעלע אייל מיטן הותם פונם כהן גדול.

• • •

אַ פאָלק וואָס איז „ללעג ולקלס״, וואָס ציטערט פאַרן אייגענעם שאָטן, האָט שוין מורא צומאָל פאַר זיינע אייגענע העלדן! און וואָלטן מיר דען פאַרן גלית באַזיגער נישט געציטערט, ווען מיר וואָלטן אים אין מויל נישט אַריינגעליגט די הייליקע ווערטער „אנכי תלעת ולא איש חרפת אדם ובזי עם״? די העראָען אונזערע פון דער ביבלישער עפּאָכע זיינען אונז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן מיט די הייליקייט וואָס מ׳האָט זיי פערהייליקט און אויך די קינסטלערישע שאַפונגען און פילאָזאָפיש פרייע געדאַנקן פונם תנ״ך זיינען אויך דעם אופן אונז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

די צייט פאַרשטיינערט די העלדן צו מאָנומענטן! און דער גרינשפאָן, וואָס ליגט אויף אַלטע שאַפונגען לאָזט זיך אויסטייטשן און דרשנען מיט ק״ן־טעמים! זיינען דאָך שיר השירים און איוב — אונזערע צוויי גרעסטע שאַפונגען, קינסטלעריש און פילאָזאָפיש! — אויף דעם אופן טהור געוואָרן, אַריינגענומען צו ווערן אינם אָפּגעשלאָסענעם תנ״ך.

אַנדערש מיט די חשמונאים־העלדן, וואָס די „שירי כנסת הגדולה״ זיינען נאָך געווען זייערע לייבהאַפטיקע אייניקלעך! זיי זיינען נאָך געשטאַנען צו נאָנט פנים לפנים . . . און נישט נאָר אויף דעם וויכטיקן געשיכטלעכן חשמונאים־בוך האָבן זיי מותר געווען, נאָר כמעט אויף אַלע ריין קינסטלערישע און פילאָזאָפישע שאַפונגען פון זייער עפּאָכע: די וואונדערלעך שיינע דערציילונגען פון „יהודית״, „שושנה״ און „טוביה״, די פילאָזאָפישע און טיפע געדאַנקן אַפאָריזמען פון „בן סירא״ און „חכמת שלמה״ א.א.

און אויך איז מסתם פּאָליטיש קלוגער געווען און אויך פּאָלקסטימלעכער אַריינצונעמען צווישן די חמש מגילות דאָס אָריענטאַלישע „טויזנט און איין נאַכט“ בוך „מגילת אסתר“ און פּערוואָרפן דעם ביבליש־תפילהדיקן „חלום מרדכי וספרי אחשורוש“, ווייל דער מאָטיוו פון „ואין אסתר מגדת את עמה ואת מולדתה“, איז דוקא אינם ערשטן פאַראַן און נישט אינם צווייטן . . . און דאָס פּאָעטיש־וואונדערלעכע קאַפּיטל פון „עזרא ב׳“, ווידער איז נישט אַזוי מיסטיש ווי די סודותדיקע נבואות פון עזרא הנביא, אַז מ׳זאָל קאָנען פאַרן שונא וואָס באַוואַכט דאָס יידיש לאַנד, באַהאַלטן די קאָנקרעטע בענקענישן אונזערע.

דער חשש, אַז די כתבים אחרונים זאָלן שטיין צופיל אונטערן איינפלוס פון די אסיים, אָדער די גריכישע פילאָזאָפן איז בכלל נישט וויכטיק און אויך נישט באַרעכטיקט, וואָרעם אויב חושש זיין און חושד זיין איז עס דאָס צווייטע קאַפּיטל פון „חכמת שלמה“ און מי לנו גדול פונם רמב״ן, וואָס שרייבט עס נאָך צו טאַקע צו שלמה המלך אַליין, און דער איבערזעצער, אין העברעאיש, פון „חכמת שלמה“, נפתלי הירץ וויזל, וועלכער ציטירט דעם רמב״ן, באַווייזט עס אויך מיט זיינע „ראיות ברורות“ . . .

אַלנפאַלס, די אַפּאָסטלס, וואָס אַ דאַנק זיי זיינען די „כתבים אחרונים“ בשעתם אָפּגעהיטן געוואָרן, וועניקסטנס אין דער גריכישער איבערזעצונג, האָבן אַ סך צו פאַרדאַנקען זייער געהויבענעם און פּאָעטישן סטיל אין די געלונגענע שטעלן און אויך אינם פשטות פון דערציילערישן אין מאַנכע זייערע קאַפּיטלעך טאַקע אָט די דאָזיקע „ספרים חיצונים“.

.2

און עס איז וויכטיק צו וויסן אַז דאָס „יהודית“־בוך איז גאָר נישט אַזוי, ווי ס׳איז אויפגעפּאַסט פון קריסטלעך אייראָפּעאישע מאָלער און דראַמע־שרייבער, ווי עפּעס אַ יידישע קלעאָפּאַטרע, רחמנא ליצלן, אינם יידישן ענג־נאַציאָנאַליסטישן זין. ווי מ׳לעזט אַרויס פון דער דערציילונג, איז זי גאָר נישט אַזוי אויסן געווען צו באַזיגן האָלעפערנעסן מיט איר צניעותדיקע שיינקייט, און זי איז אין דעם אויך גאָר נישט אַזוי זיכער געווען. אָבער זי איז בעיקר אויסן געווען און אפילו זיכער געווען דערין, אַז דאָס וועט זי האָלעפערנעסן קלאָר מאַכן, אַז אפילו, ווען ער, האָלעפערנעס, וועט באַזיגן די יידן, וועט ער אַלץ נאָך נישט האָבן באַזיגט דעם יידישן גאָט. — זי, יהודית, די עקרה, האָט געוואָלט באַווייזן דאָס זעלבע וואָס חנה מיט אירע זיבן קינדער האָבן באַוויזן.

און נישט נאָר „יהודית“ נאָר אויך „טוביה“ און „שושנה“ מיט די אייגנאַרטיקייט פון זייערע סוזשעטן און מיט דער שיינקייט פון זייער דערציילערישן סטיל זיינען געווען די הויפּט-טעמעס פאַר די גרעסטע קינסטלער פון אייראָפּע, אָנגעהויבן מיט די איטאַליענישע רענעסאַנס מאָלער און מיטן געניאַלן האָלענדער רעמבראַנדט ביזן היינטיקן טאָג.



אונזער לאַגע איז געווען דעמלט אַזעלכע, אַז אויב מיר האָבן געוואָלט לעבן ווי אַן אייגנאַרטיק פאָלק אונטער דער ברוטאַלער רוימישער הערשאַפט אין אַזיען און ערשט, ווען מיר האָבן געוואָלט דעם פריען און שפּעטן מיטלאַלטער „אַדורכזשיפיען“, האָבן מיר געמוזט מוותר זיין אויף אַ סך פיזיש-געזונטע און אויך גייסטיק־קולטורעלע הצטרכות און לעבן אַסקעטיש און בצומצומדיק פון די „מקרני ראם וביצי כנים“-יהי רצון׳ס. אָ, ווי מיר האָבן דאָס מורא געהאַט פאַר די גבורה פון ריינע אָפענע שעפערישקייט — די התגלות!

אפילו דעם תנ״ך, די גרעסטע און געלייטערסטע קולטור־שאַפונג אונזערע האָבן מיר געמוזט באַהאַלטן אונטער קאָמפּלאַזש פון רעליגיעזע פּרוכתן!

און דער תלמוד מיט זיינע געוואַלטיקע מחלוקות איבער אַ ביצה שנולדה ביום טוב, און אַלע שפּעטערע עוקר־הרים שאַפונגען פון די פּלפּול־הנחות זיינען זיי דען נישט פּאַטענצן פון הערצער פון יענע איבערמענטשלעכע קלוגע געדולדיקייט פון „איזה גבור הכובש את יצרו“ — זייערע חריפות לייגן זיי אַריין אין אַ וואָרט פון אַ פּסוק, ווי אַ שאַרפע קלינג פון אַ שווערד, וואָס מען לייגט אַריין אין אַ שייד.

.3

יעצט ווייסן מיר עס, אויב עס האָט זיך געלוינט צו לעבן כמעט צוויי טויזנט יאָר אויף אַזאַ מין געדריקט און פינסטערן אופן, איז עס נאָר געווען, כדי מיר זאָלן ווידער אַרויס ווי אַ פריי און אַ שעפעריש קולטור פאָלק. און וואָלטן מיר דען געקענט שאַפן די אַלע נייע אוצרות אונזערע אויף אַלע געביטן פון קולטור און קונסט, ווען די אַלע פאַרגאַנגענע פינסטערע און געדריקטע יאָרן אונזערע וואָלטן נישט געוואָרן די פּוזיליען, — דאָס רויע דימענטן־געשטיין! — געשליפן צו ווערן און צו לייכטן לויטער און ריין.

עס איז דער פאָלקלאָר פון אַ גאַנץ פאָלק וואָס דערוואָרט זיך אויף אַ שלום־עליכם און ס׳געוואַלדעוועט אויס און רעדט זיך פונם האַרצן אַראָפּ זיין צער און זיין פרייד — און דער זעלביקער פאָלקלאָר איז דאָך די גרויסקייט פון אַ שאַגאַל! (אגב, איז דען ניט דאָס שפּילן אין דריידל־און קאָרטן אַזאַ פאָלקלאָר־מנהג אפשר, בכדי אויף אַזאַ מין אופן כאָטש דערמאָנען אין די חנוכה־טעג דאָס וואָרט „געווינען“, זאָל עס, לכל הפחות, זיין בשעת שפּילן—אָבער געמיינט איז עס אויף אַ באַהאַלטענעם אופן, דאָס געווינען פון די מלחמה־שלאַכטן דעמלט איבער אונזערע שונאים).

און ס׳איז דאָך אויך אַ לעצטער „אוי־וויי“־געשריי פון אַ מחנה קדושים, וואָס וואָרט געדולדיק טויזנט יאָר און האַרמאָנירט זיך צו אַן אייגנאַרטיקער סימפּאָניע פון אַ פאָלק.

אויפן אויסגעהאַלטענעם כוח־געדולד פון זיינע קדושים און אויף דער געוואַגטקייט און מוט צו זיינע העלדן בלייבט לעבן דאָס פאָלק און איז מנצח אַלע שוועריקייט און פינצטערניש, און אויף די לעגענדעס וועגן זיי בויט זיך אויף דאָס שאַפן פונם פאָלק, ווי אויף געגרונדפעסטיקטע פונדאַמענטן—זייערע הייליקע ברידער־קברים זיינען עס! און זייערע נשמה־ליכטלעך זיינען דאָס

די גלאָריע־פּייערן, די עמוד־האשן וואָס באַלייכטן אונזערע פינצטערע וועגן.

און יעצט, אין אונזער באַדריקטער און פינצטערער עפּאָכע, — אָ, זי איז גאָרנישט קליינער אין מאַרטירערטום און אין העלדן־טאָטן! — ווייסן מיר, דערלעבן מיר עס, אַז אַלע אונזערע געפאַלענע איצט און פאַרפייניקטע קדושים וטהורים מוזן מיר צוריק אויפלעבן מיט אונזערע העלדן־זין און מסירת־נפשדיקע קעמפער, ווייטער צו קענען לעבן ווי אַ פריי און שעפערישער פאָלק — שעפערישקייט טאָר נישט האָבן אין זיך קיין שמץ אפילו פון הכנעה און עבדות! און אין אונטערטעניקייט און שעבדות ווערט יעדע אייגנאַרטיקייט בטל ומבוטל כעפרא דארעא. מיט די ציענדיקע שווערדן פון די שיידן אַרויס פון די העלדן ווערן ערשט ענטפּלעקט די שאַפונגען פון אַ פאָלק.

* * *

נישט דער ציטער פאַרן אייגענעם שאָטן, — דער הייליקער שיין פון די קדושים און די גלאָריע פון די העלדן איז אָט דאָס גרויסע ליכט אין דער פינצטערניש, וואָס לייכט אַרויס פון די שאַפונגען פון אַ פאָלק און לייטערט די קולטור פון אַ פאָלק, און גיט כוח זי צו טראָגן און זי צו באַשיצן. די קדושים און העלדן פון אונזער דור, און די שאַפונגען פון אונזערע יאָרהונדערטער, זיינען געוואַלטיק, אַזוי גרויס און אַזוי איבערמענטשלעך, אַז נאָך בשעת שטייענדיק פנים אל פנים מיט זיי, זיינען זיי שוין אומשטערבלעכע פאַרגאַנגענהייט און אונזער אייביקע צוקונפט.

א. נ. ש.

## א קאַפּיטל פון דעם חשמונאים־בוך

אין יענע טעג איז אויפגעשטאַנען מתתיהו בן יוחנן בן שמעון, אַ כהן פון די קינדער פון יהויריב, פון ירושלים; און ער האָט געוואוינט אין מודעין; און געהאַט פינף זין, יוחנן, וואָס האָט געהאַט דעם צונאָמען קדיש; שמעון, וואָס מען האָט אים גערפון טאַסי; יהודה, וואָס מען האָט אים גערופן מכבי; אליעזר, וואָס מען האָט אים גערופן אַוואַראַן; יונתן, וואָס מען האָט אים גערופן אַפפוס.

און ער האָט געזעען די לעסטערונגען וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין יהודה און אין ירושלים און האָט געזאָגט, וויי איז מיר! פאַרוואָס בין איך געבוירן געוואָרן צו צוזעען דעם חורבן פון מיין פאָלק, און דעם חורבן פון דער הייליקער שטאָט, און צו וואוינען דאָרטן, ווען זי איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון שונאים, און דאָס בית המקדש אין דער האַנט פון פרעמדע? איר היכל איז געוואָרן ווי אַ מאַן אָן כבוד: אירע הערלעכע געפעסן זיינען אַוועקגענומען אין געפאַנגענשאַפט אַריין, אירע קליינע קינדער זיינען געטייט אויף די גאַסן, אירע בחורים — מיט דער שווערד פונם שונא. וועלכעס פאָלק האָט



עס נישט געירשנט איר מלכות, און נישט גענומען ביי איר קיין זאַקרויב? איר גאַנצע צירונג האָט מען גענומען פון איר; אַנשטאָט צו זיין פריי איז זי גאָר געוואָרן אַ שפחה: און, זע, אונזערע הייליקע זאַכן און אונזער שיינקייט און אונזער הערלעכקייט זיינען פאַרוויסט, און די גוים האָבן זיי פאַרשוועכט. צו וואָס זאָלן מיר נאָך לעבן?

און מתתיהו און זיינע זין האָבן צעריסן זייערע קליידער, און זיך אָנגעטון אין זעק, און זער שטאַרק געטרויערט.

און דעם קעניגס הויפּטלייט, וואָס האָבן געצוואונגען צו אָפּטריניקייט, זיינען געקומען קיין מודיעין מקריב צו זיין. און אַ סך פון ישראל זיינען געקומען צו זיי; און מתתיהו און זיינע זין האָבן זיך פאַרזאַמלט. און דעם קעניגס הויפּטלייט האָבן געענטפערט און געזאָגט צו מתתיהון, אַזוי צו זאָגן, דו ביסט אַ שר און געאַכפערט און גרויס אין דער דאָזיקער שטאָט, און געשטאַרקט מיט זין און מיט ברידער. קום זשע דער ערשטער און פיר אויס דעם קעניגס באַפעל, ווי אַלע פעלקער האָבן עס געטון, און די לייט פון יהודה, און די איבערגעבליבענע אין ירושלים; און דו און דיין הויז וועלן זיין דעם קעניגס פריינט, און דיר און דיינע קינדער וועט צוגעטיילט ווערן כבוד מיט זילבער און גאָלד און פיל מתנות. און מתתיהו האָט געענטפערט און געזאָגט מיט אַ הויך קול, אפילו ווען אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אינם קעניגס מלכות, געהאָרכן אים, אַז יעדער איינער זאָל אָפּפאַלן פון דער אמונה פון זיינע עלטערן, און האָבן אויסדערציילט צו וואַנדלען אין זיינע געבאָטן, וועל איך מיט מיינע קינדער און מיינע ברידער דאָך גיין אין (די וועגן פון) דעם בונד פון אונזערע אבות. חלילה, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן די תורה און די מצוות. דעם קעניגס ווערטער וועלן מיר נישט געהאָרכן, אָפּצונייגן פון אונזער עבודה, רעכטס אָדער לינקס.

און ווען ער האָט אויפגעהערט צו רעדן די דאָזיקע ווערטער, איז צוגעקומען אַ ייד פאַר זייערע אויגן מקריב צו זיין אויף דער במה אין מודיעין לויט דעם קעניגס באַפעל. און מתתיהו האָט עס געזעען, און זיין קנאות האָט זיך אָנגעצונדן, און זיינע געדערעם האָבן זיך געטרייסלט און האָט אַרויסגעוויזן זיין צאָרן לויטן משפט, און איז געלאָפן, און אים געטייט אויף דער במה. און דעם קעניגס הויפּטמאַן, וואָס האָט געצוואונגען מקריב צו זיין, האָט ער געהרגעט אין יענער שעה, און צעשטערט די במה. און ער האָט געאייפערט פאַר דער תורה ווי פנחס האָט עס געטון קעגן זמרי בן סלוא. און מתתיהו האָט געשריגן אין דער שטאָט מיט אַ הויך קול, אַזוי צו זאָגן, ווער עס אייפערט פאַר דער תורה און האַלט דעם בונד, זאָל אַרויסקומען נאָך מיר! און ער און זיינע קינדער זיינען אַנטרונען צו די בערג, איבערגעלאָזט אַלץ וואָס זיי האָבן געהאָט אין דער שטאָט.

דעמלט זיינען אַ סך, וואָס האָבן געזוכט יושר און משפט אַראָפּ אין דער מדבר אַריין, דאָרט צו וואוינען, זיי, און זייערע קינדער, און זייערע פרויען, און זייערע בהמות, ווייל דאָס בייז האָט זיך געמערט קעגן זיי. און עס איז געקומען צו דעם קעניגס הויפּטלייט, און צו די חיילות וואָס האָבן זיך געפונען אין

ירושלים, דודס שטאָט, אַז מענטשן, וואָס האָבן צונישט געמאַכט דעם קעניגס באַפעל, זיינען אַראָפּ אויף פאַרבאָרגענע ערטער אין דער מדבר; און אַ סך זיינען נאָכגעלאָפן נאָך זיי, און האָבנדיק דעריאָגט, האָבן זיי זיי באַלאַגערט, און אונטערגענומען אַ שלאַכט קעגן זיי אינם טאָג פון שבת. און זיי האָבן צו זיי געזאָגט, גענוג ביז אַצונד. קומט אַרויס, און טוט לויט דעם קעניגס וואָרט, און איר וועט בלייבן לעבן. און זיי האָבן געזאָגט, ניין, מיר וועלן נישט אַרויסקומען, און מיר וועלן נישט אויספירן דעם קעניגס וואָרט, מחלל צו זיין דעם טאָג פון שבת. און זיי האָבן זיך געפעדערט מיט דער שלאַכט אויף זיי. און זיי האָבן זיי נישט געענטפערט, נישט צומאָל געוואָרפן אַ שטיין אויף זיי, נישט אפילו פאַרשטאָפּט די פאַרבאָרגענע ערטער, און האָבן געזאָגט, לאָמיר אַלע שטאַרבן אין אונזער אומשולד; זאָלן הימל און ערד זיין איבער אונז עדות, אַז איר ברענגט אונז אום אָן אַ משפט. און זיי זיינען אויפגעשטאַנען קעגן זיי דעם שבת אין אַ שלאַכט, און זיי זיינען געשטאָרבן, און זייערע פרויען, און זייערע קינדער, און זייערע בהמות, ביז טויזנט מענטשלעכע נפשות.

און מתתיהו און זיינע זין האָבן זיך דערוואוסט פון דעם, און האָבן זער שטאַרק געטרויערט אויף זיי. און איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן, אויב מיר אַלע וועלן טון אַזוי, ווי אונזערע ברידער האָבן געטון, און נישט האַלטן מלחמה מיט די גוים פאַר אונזערע לעבנס און אונזערע מצוות, וועלן זיי אונז אַצינד גיך אויסראָטן פון דער ערד. און זיי האָבן זיך באַראָטן אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן, יעדער איינער מענטש, וואָס וועט קומען אַקייגן אונז מלחמה צו האַלטן אין טאָג פון שבת, לאָמיר קעמפן קעגן אים, און אַלע וועלן בשום אופן נישט אומקומען, ווי אונזערע ברידער זיינען אומגעקומען אין די פאַרבאָרגענע ערטער. דעמלט האָט זיך פאַרזאַמלט צו זיי אַ פאַרזאַמלונג פון חסידים, גבורים פון ישראל, יעדער איינער געבנדיק זיך פרייוויליק פאַר דער תורה. און אַלע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די צרות, האָבן זיך באַהאָפטן אין זיי, און געוואָרן צו זיי אַ שטאַרקונג. און זיי האָבן געשאַפן אַ חייל, און געשלאָגן חוטאים אין זייער צאָרן און פושעים אין זייער גרימצאָרן; און די איבערגעבליבענע זיינען אַנטרונען צו די גוים, כדי זיך צו ראַטעווען. און מתתיהו און זיינע זין זיינען אַרומגעגאַנגען און האָבן צעשטערט די במות; און מיט כוח מל געווען אַלע אומגעמלטע קליינע קינדער, וואָס זיי האָבן געפונען אין די גרענעצן פון ישראל. און זיי האָבן נאָכגעיאָגט די מוטוויליקע לייט, און די זאַך האָט באַגליקט אין זייער האַנט. און זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט די תורה פון די גוים׳ס האַנט, און פון דער האַנט פון מלכים, און נישט דערלאָזט דעם זינדיקן צו טריומפירן.

און די טעג האָבן זיך דערנענטערט פאַר מתתיהו צו שטאַרבן, און ער האָט געזאָגט צו זיינע זין: אַצינד האָבן חוצפה און שאַנד זיך געשטאַרקט, און אַ צייט פון אונטערדריקונג און גרימצאָרן. און אַצינד, קינדער מיינע, שטעלט זיך איין פאַר דער תורה, און זייט זיך מוסר נפש פאַרן בונד פון אונזערע אבות. און געדענקט די מעשים פון אונזערע אבות, וואָס זיי האָבן געטון אין זייערע דורות; און איר וועט באַקומען גרויס כבוד און אַן אייביקן נאָמען. צי איז



דען אברהם נישט געפונען געוואָרן באַגלויבט אין אַ נסיון, און עס איז אים צוגערעכנט געוואָרן פאַר גערעכטיקייט? יוסף האָט אין דער צייט פון זיין ליידן אָפּגעהיט דאָס געבאָט, און געוואָרן האַר פון מצרים. פנחס אונזער פאָטער, מחמת זיין געוואַלטיקער קנאות, האָט באַקומען אַ בונד פון אַן אייביקער כהונה. יהושע איז צוליבן דערפילן אַ וואָרט געוואָרן אַ שופט אין ישראל. ווייל כלב האָט עדות געזאָגט אין דער מחנה, האָט ער באַקומען אַ לאַנד פאַר אַ ירושה. דוד האָט דורך באַרמהערציקייט געירשנט דעם טראָן פון אַ מלכות אויף אייביק. אליהו איז דורכן איינשטעלן זיך פאַר דער תורה אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל אַריין. חנניה, עזריה, מישאל, האָבן געגלייבט און זיינען ניצול געוואָרן פון קאַלכאויוון. דניאל איז דורך זיין אומשולד אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם מויל פון לייבן. און אָט אַזוי פאַרנעמט, אַז פון דור צו דור אַלע וואָס האָבן געהאַט בטחון אויף גאָט זיינען נישט שוואַך געוואָרן. און פאָרכט אייך נישט פאַר די ווערטער פון אַ זינדיקן מענטשן; ווייל זיין הערלעכקייט וועט ווערן צואה און ווערעם. היינט וועט ער זיין דערהויבן און מאָרגן זיך מער נישט געפינען, ווייל ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין שטויב, און זיין מחשבה איז פאַרלוירן געוואָרן. און איר, מיינע קינדער, שטאַרקט זיך, און פירט זיך אויף ווי מענער פאַר דער תורה, ווייל דורך איר וועט איר ווערן געאַכפּערט. און, זע, שמעון אייער ברודער, איך ווייס, אַז ער איז אַ בעל־עצה; האָרכט אים אַלע טעג: ער וועט זיין אַ פאָטער צו אייך. און יהודה מכבי, ער איז שטאַרק און מעכטיק פון יינגווייז אָן: ער וועט זיין דער הויפּטמאַן און פירן די מלחמה פונם פאָלק. און איר ברענגט צו זיך אַלע וואָס האַלטן די תורה, און זייט זיך נוקם אַ נקמה פאַרן פאָלק. צאָלט אָפּ אַ פאַרגעלטונג צו די גוים, און היט די מצוות פון דער תורה.

און ער האָט זיי געבענטשט, און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיינע עלטערן. און ער איז געשטאָרבן אין דעם הונדערט און זעקס און פערציקסטן יאָר, און זיינע זין האָבן אים קובר געווען אין די קברים פון זיינע עלטערן אין מודיעין, און גאַנץ ארץ ישראל האָט אים מספיד געווען מיט אַ גרויסן הספד.

קאַפּיטל ב. פון חשמונאים א׳
פון גריכישן אָריגינאַל — א.א.

משה עובד

## דער זיבעטער הימל

**א.**

רביניו, אוי רביניו,
ווי לאַנג צום ערשטן הימל דער מהלך?
— זיבעציק טרעפּן פֿאַר אַ ייִנגעלע,
פֿאַר אַ מלאך
איין קאַצן־שפּרינגעלע.

**ב.**

רביניו, אוי רביניו,
ווי לאַנג צום צווייטן הימל דער מהלך?
— זיבעציק מאָל זיבעציק טרעפּן פֿאַר אַ ייִנגעלע,
פֿאַר אַ מלאך
איין קלינג מיטן קלינגעלע.

**ג.**

רביניו, אוי רביניו,
ווי לאַנג צום דריטן הימל דער מהלך?
— נאָך אַ מאָל זיבעציק מאָל זיבעציק פֿאַר אַ ייִנגעלע,
פֿאַר אַ מלאך
איין קנאַל מיטן צינגעלע.

**ד.**

רביניו, אוי רביניו,
ווי לאַנג צום פֿירטן הימל דער מהלך?
— נאָך אַ מאָל זיבעציק מאָל זיבעציק פֿאַר אַ ייִנגעלע,
פֿאַר אַ מלאך
איין אָטעם פֿון לינגעלע.

**ה.**

רביניו, אוי רביניו,
ווי לאַנג צום פֿינפֿטן הימל דער מהלך?
— נאָך אַ מאָל זיבעציק מאָל זיבעציק פֿאַר אַ ייִנגעלע,
פֿאַר אַ מלאך
פֿון אַ טרער איין שלינגעלע.

**ו.**

רביניו, אוי רביניו,
ווי לאַנג צום זעקסטן הימל דער מהלך?
— נאָך אַ מאָל זיבעציק מאָל זיבעציק פֿאַר אַ ייִנגעלע,
און דאָס איז אפֿילו פֿאַר אַ מלאך,
שוין אויך אַ ווייטער מהלך.



**ז.**

רביניו, אוי רביניו,
מוז דאָך צום זיבעטן הימל זײַן אומענדלעך ווײַט?
— יאָ פֿאַר אַ ייִנגעלע וואָס אויף וואַקלדיקע פֿיסלעך גייט,
אָבער ווען באַפֿליגלט מיט דער נשיקה־של־אחד
איז ער שוין דאָ און אָט!
איז ער שוין דאָרט.

**ח.**

רביניו, אוי טײַערינקער רביניו!
וואָס זעט אַ ייִנגעלע
ווען ער שטייט שוין העט, העט דאָרט?
— ער זעט וואָר און קלאָר
ביז אַ האָר און ביז גאָר,
אַז מאַמע־ערד איז דער גן־עדן פֿון גאָט.

---

משה אלטמאַן *

## א געשיכטע מיטן קלוגן מלך שלמה און חנניה דעם טעפּער

1.

### ידער מחבר פֿאַרענטפֿערט זיך

דער מחבר פֿון דער געשיכטע האַלט פֿאַר נייטיק, קודם איידער ער גייט צו דערציילן, זיך צו פֿאַרענטפֿערן. עס איז אים אַביסל פּריקרע, וואָס אין אַזאַ צײַט ווי די איצטיקע, קומט ער מיט דער געשיכטע. און פֿאַרענטפֿערן פֿאַרענטפֿערט ער זיך דערמיט, וואָס — ערשטנס, איז אים אַ שאָד די מעשה. ווײַל ווער ווייסט, צי ווען נישט די מלחמה און אַלע געשעענישן אַרום און מיט איר, צי וואָלט זי בכלל געוואָרן באַוואוסט. ווײַל שטאַמען שטאַמט זי פֿונם לאַנד „שבא“, וואָס מען רופֿט עס הײַנט אַביסיניען, אָדער עטיאָפּיע. אין קיין שום כראָניקס איז זי נישט פֿאַרשריבן און אַפֿילו אין תרגום שני און „פּתשגן הכתב“ איז זי אויך נישט פֿאַראַן. און צווייטנס — דערפֿאַר, ווײַל זי איז וועגן מלך שלמה.

דער מחבר האַלט ניט מיט דער שיטה פֿון יענע, וועלכע זאָגן, אַז מלחמה איז אַ טובה פֿאַר דער מענטשהייט, אַז זי צווינגט די מענטשהייט זיך אָנצושטרענגען, מאַכט זיי קליגער, פֿלינקער, אַז זי ברענגט צום פּראָגרעס פֿון דער וויסנשאַפֿט. ווען ס׳איז געווענדעט אינם מחבר פֿון דער געשיכטע, וואָלט ער מוחל געווען די אַלע גליקן, ער וואָלט באַשטאַנען, דער

---

* איינער פֿון אונדזערע באַוואוסטע ייִדישע דערציילער פֿון רומעניע. געדרוקט פֿון מאַנוסקריפּט דערהאַלטן פֿון סאָוועט־פֿאַרבאַנד.

פראגרעס זאָל גיין אביסעלע פאמעלעכער און קיין מלחמה זאָל ניט זיין. אָבער, אַז ס׳געפינען זיך רשעים, וועלכע צינדן אָן א שריפה, איז עס דער חוב פון יענע, וואָס פארטיידיקן זיך, צו זיין קליגער, שטארקער, העלדישער ווי דער אונטערצינדער. און ס׳איז א חוב פון יעדן פארשטענדיקן און ערלעכן מענטשן צו טאָן אלצדינג, וואָס ער איז בכוח און מערער ווי בכוח, אַז דער נצחון איבער די רשעים זאָל קומען וואָס גיכער. זאָל דער מענטש פון וויסנשאפט זיך אָנשטרענגען אין זיין וויסנשאפט, דער מענטש פון מעשים אין זיינע מעשים, יעדער לויט זיינע פעאיקייטן, און דער שרייבער... אויך דער שרייבער דארף טאָן וואָס ער איז בכוח.

מיינט דער מחבר, אַז די דאָזיקע געשיכטע פארדינט פארשריבן צו ווערן. איינמאָל שוין דערפאר, ווייל זי איז וועגן מלך שלמה. און ווידער דערפאר, ווייל עס דוכט אים, אַז דער לייענער וועט א שמייכל טאָן. נו, איז א מינוט הנאה, א שמייכל אין דער שווערער צייט, אויך עפעס ווערט. עס איז א מינוט אָפרו, נאָך וועלכער מען קען זיך נעמען מיט מער כוח און אָנשטרענג צו דער גרויסער ארבעט, אויסצוראָטן דעם שונא פון דער מענטשהייט, וועלכער האָט זיך פארלייגט צו דערפירן די מענטשהייט צו אזא מדרגה, אַז מענטשן זאָלן נישט קענען טאָן אפילו קיין שמייכל, נאָר שטענדיק מוזן וויינען.

.2

## די געשיכטע אליין אזוי ווי דער מענטש פון שבא האט זי דערציילט און דער מחבר האט זי נאר אביסעלע באפוצט.

וועגן גרויסן מלך שלמה, דעם קלוגסטן פון אַלע מענטשן, ווייסט די גאנצע וועלט. עס איז ניט קיין וואונדער, ווייל וועגן וועלכן מלך האָט מען נאָך דערציילט אזויפיל חידושימדיקע מעשות? און אַז מען דערציילט, גייט עס איבער פון דור צו דור, פון פאָלק צו פאָלק, עס פארבלייבט אין זכרון פון די מענטשן, לעבט מיט זיי.

אָבער וועגן חנניה דעם טעפער ווער ווייסט? כמעט קיינער.

און דאָך איז אין זיין צייט דער נאָמען געווען באוואוסט אין גאנץ ירושלים און אפילו ווייטער און דערגאנגען ביז צו מלך שלמה׳ן.

און באוואוסט איז ער געווען שוין פריער, נאָך איידער עס איז געשען דאָס, וואָס מיר וועלן דערציילן, צוליב זיין גרויסער בריהשאפט אין דער מלאכה פון מאכן טעפ. די טעפ האָבן געהאט א שם.

פלעגן די יידן פון ווייטע מקומות עולה רגל זיין, פלעגן זיי צווישן די איבעריקע חידושים פון דער הויפטשטאָט אויך אהיימפירן חנניה׳ס טעפ. און געווען אויך אזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט עסן פון קיין אַנדערע כלים, נאָר פון חנניה׳עס.

אָבער באזונדערס בארימט געוואָרן איז חנניה נאָך דער געשעעניש. און אין דעם איז פארמישט אויך דער מלך שלמה.



וועט מען זיך אוודאי חידושן, ווי קומט דער גרויסער מלך צו חנניה דעם טעפער, אַז אין הויף האָט מען דאָך גאָר גענוצט זילבערנע און גילדענע כלים, אזוי ווי עס ווערט דערציילט אין אַלטע ספרים? זאָל מען זיך ניט חידושן. דער גרויסער מלך שלמה, ווייל ער איז געווען א גרויסער חכם, האָט געהאלטן שטענדיק אָפן זיין פאלאץ פארן פאָלק און ווער נאָר עס האָט געהאט א שווערן ענין, פלעגט קומען נאָך גערעכטיקייט צו אים, דעם קלוגסטן פון אַלע מענטשן.

אזוי האָט אויך געטאָן חנניה.

ווי געזאָגט, איז חנניה געווען א טעפער. ביי די טויערן פון ירושלים, אין א ווינקל־גאס, וואָס מען האָט עס גערופן דאָס טעפער־געסל, האָט ער געהאט זיין טעפער־הויז. און דאָרטן פלעג ער אויסמייסטרעווען זיינע כלים, וואָס זיינען געווען אזוי בארימט אין דער הויפטשטאָט און אפילו ווייטער, ווי מיר האָבן אויבן דערציילט.

איינמאָל אין דער וואָך, פונקט דאָנערשטיק זאָל דאָס הייסן, פלעג חנניה נעמען זיין וועגעלע און אויפלאָדן דערויף זיינע טעפ און קרוגן און אינאיינעם מיט זיין ווייב פלעג ער זיי ארויספירן אין שטאָט אריין פארקויפן. קיין קונים האָבן קיינמאָל ניט געפעלט. פארקערט, ס׳האָט אים שטענדיק אויסגעפעלט סחורה, כאָטש ער איז ניט געווען דער איינציקער טעפער אין ירושלים, אזוי בארימט איז ער געווען אַלס מייסטער.

האָט דעריבער חנניה ניט געוואוסט פון קיין נויט. א סך האָבן אים מקנא געווען, ווייל אויך אין יענע צייטן, אין די צייטן פון דעם גרויסן מלך שלמה, זיינען געווען נויט־באדערפטיקע.

דאָך, ווי זאָגט מען עס, איינעם דאכט זיך, אַז ביי אַנדערע לייכט זיך. חנניה איז ניט געווען גליקלעך. כאָטש באקלאָגן זיך האָט אים קיינער ניט געהערט. אדרבא: ער האָט שטארק ליב געהאט צו זאָגן א ווערטל און טרייבן קאטאָוועס. נו, פארשטייט זיך, זיינע ווערטלעך זיינען נישט געווען אזוי פיין געשליפן, ווי דעם מלך שלמה׳ס — דערויף איז ער דאָך געווען נאָר א טעפער.

איז געשען, צי צוליב זיין גרויסער מייסטערשאפט אין טעפעריי, צי צוליב זיינע ווערטלעך, נאָר זיין נאָמען איז דערגאנגען ביז צום מלך שלמה.

האָט זיך אפילו געפונען צווישן די הויפלייט איינער פון יענע, וואָס מיינען זיך איינצוקויפן ביים מלך דורך מסירות און לשון הרע, און האָט גערעדט שלעכטס אויף חנניה׳ען: סטייטש, א פשוטער טעפער נעמט זיך די העזה צו פארדרייען דעם מלך׳ס קלוגע ווערטער . . . אזוי, למשל, האָט מען דערציילט, אַז אויף שלמה המלך׳ס זאָגן: „אשת חיל מי ימצא“, פלעגט חנניה צוגעבן: „ביי מיר איינע און די צווייטע ביים מלך שלמה“. אָדער אויף דעם זאָג: „א שלעכטע פרוי איז ביטערער פונם טויט“, פלעגט חנניה באמערקן: „ווער האָט דען געפרובט?“ און נאָך אזעלכע כדומה. שלמה האָט אָבער נאָכגעשמייכלט. און איינמאָל, ווען די הארן האָבן פארגעוואָרפן דעם

מלך, אַז ער האָט צופיל ווייבער און ער קען דעריבער זיך ניט אָפגעבן גענוג מיט דער מלוכה און שלמה האָט זיי דערויף געענטפערט: „אזא קאַטאָוועס אָווא, קשה כשאול קנאה" און די האַרן האָבן געזאָגט, אַז זיי פאַרשטייען נישט דעם ענטפער, האָט שלמה צוגעגעבן:

— פרעגט ביי חנניה דעם טעפער! . . .

האָבן די האַרן שוין מער גאָרנישט פאַרשטאַנען און שלמה האָט ווידער געשמייכלט.

ויהי היום, מאַכט זיך אַמאָל אין אַ טאָג, ווען דער מלך שלמה איז געזעסן צווישן זיינע האַרן און געסט, וועלכע פלעגן קומען צו אים פון ווייטע לענדער צו הערן זיין חכמה, און ער זאָגט פאַר זיי זיינע פערלדיקע משלים, דערהערט זיך פלוצים אַ געשריי פונם דרויסנדיקן הויף. מען הערט, ווי אַ מענטש שרייט. ער וויל, מען זאָל אים אַריינלאָזן צו מלך שלמה'ן און די שומרים לאָזן אים ניט, טרייבן, ווייל ס'איז נישט געווען די צייט, ווען דער מלך נעמט אויף. דער מענטש קלאַמערט זיך, שרייט אַלץ העכער:

— צום מלך לאָזט מיך! צום גרויסן מלך שלמה!

ווערן די האַרן אין כעס און אַ טייל זיינען שוין גרייט זיך צו נעמען צו די שווערדן. אָבער שלמה איז רואיק, ער באַפעלט:

— גייט און זעט ווער איז דער מענטש.

קומט מען צוריק און מען דערלייגט:

— חנניה דער טעפער.

און מען גיט נאָך צו:

— ווייזט אויס, אַז שיכור, ווייל ער איז צעביילט און צעגראַבלט.

זאָגט שלמה:

— לאָזט אים אַריין.

און ווי חנניה קומט אַריין, וואַרפט ער זיך פאַר שלמה'עס שטול און שרייט:

— ראַטעווע מיך, גרויסער מלך, אַז נישט בין איך פאַרלוירן.

הייסט שלמה, ער זאָל דערציילן וואָס איז מיט אים. און חנניה דערציילט:

— חנניה בין איך, חנניה דער טעפער. און גאָט האָט מיך געבענטשט. מיינע כלים האָבן אַ שם. אַ סך פון מיינע הערן עסן פון מיינע טעפ און טרינקען פון מיינע קריגן. ווייל אַ מייסטער בין איך צו מאַכן טעפ. וואָלט איך געווען גליקלעך, אָבער אַ שלעכט ווייב האָב איך און ווער נאָך, ווי דו, גרויסער מלך, ווייסט, וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס איז: האָסטו דאָס געזאָגט, אַ שלעכט ווייב איז ביטערער פונם טויט; אָט האָט זי מיר היינט צעבראָכן מיינע טעפ, די טעפ, וואָס איך האָב מיט אַזויפיל מי אויסגעמייסטרעוועט. איז עס נאָך ווייניק, האָט זי מיך געשלאָגן פאַר אַלעמען אין די אויגן, מיך צעגראַבלט, צעביילט . . . העלף מיר, גרויסער מלך, אַנדערש שטאַרב איך!



קוקט שלמה אויף די האַרן און באַפעלט:

— גיט אַן עצה.

זאָגט איינער:

— זאָל ער זי שלאָגן!

— שלאָגן? — שרייט חנניה, — איך זאָל שלאָגן דאָס ווייב, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן? ניין, אַן אַנדער עצה גיט מיר.

זאָגט אַן אַנדערער:

— זאָל ער זי גטן.

— גטן! — שרייט חנניה, איך זאָל פאַרטרייבן מיין יוגנט־ווייב, די מאַמע פון מיינע קינדער? ניין, אַן אַנדער עצה גיט מיר.

שווייגן די האַרן און ווייסן נישט וואָס צו זאָגן.

מאַכט דער מלך צו חנניה'ען:

— גיב דו אַן עצה.

זאָגט חנניה:

— גרויסער מלך! אויב כ'האָב געפינען חן אין דיינע אויגן און ווילסט רעטן דיין קנעכט, דיין בעסטן טעפער, באַפעל און זאָלן מיר אויסלייען פונם מלך'ס אוצר צוויי טויזנט זילבער. אין אַ יאָר אַרום וועל איך זיי דיר אָפּברענגען. פונם מלך'ס אוצר וועט גאָרניט געמינערט ווערן און מיך וועסטו האָבן מציל געווען.

איז געוואָרן אַ געווירבל צווישן די האַרן.

— אַ שווינדלער! — רופט אויס איינער.

— אַ שנאָרער — זאָגט אַ צווייטער — ער וויל אויסנאַרן ביים גוטן מלך צוויי טויזנט זילבער.

אָבער שלמה האָט זיך גאָרניט געמאַכט דערפון, ער האָט געוואוסט, אַז די האַרן גלוסטן אַליין צום מלך'ס אוצר און זיי זיינען גרייט שטענדיק אויפצוּוואַרפן יעדן אמתן נויט־באַדערפעניש, אַז ער איז אַ שנאָרער. דער קלוגער מלך האָט געוואוסט די טבע פון די ניט־פאַרגינער און חניפהניקעס. האָט ער באַפוילן, מען זאָל אַרויסגעבן חנניהן צוויי טויזנט זילבער פונם מלך'ס אוצר.

אַ יאָר איז פאַרפלויגן ווי אַ טאָג. מען האָט אין חנניה'ען שוין געהאַט פאַרגעסן. אָבער אין איינעם אַ טאָג, פונקט צום יאָר, קומט ווידער חנניה און ברענגט אָפּ די צוויי טויזנט זילבער און דערפון נאָך אַ מתנה, אַ זעלטן שיינעם קרוגל, וואָס ער האָט געמאַכט.

די האַרן זיינען ניט געווען צופרידן. עס וואָלט זיי געווען מער ניחא, ווען חנניה האַלט ניט קיין וואָרט. אָבער שלמה קוקט אויף זיי און שמייכלט. ער באַטראַכט דעם קרוג און לויבט דעם מייסטער און דערווייל זאָגט ער אַ פערלדיקן משל וועגן אַ געטרייען מייסטער און וועגן האַרן ניט־פאַרגינער. און ווי חנניה האַלט שוין ביי אַוועקגיין פאַרהאַלט אים שלמה און באַפעלט:

— מייסטער, דערצייל אונז, וואָס דו האָסט געטאָן מיט די צוויי טוי־

זנט זילבער און וואָס פאַר אַן עצה דו האָסט דיר געגעבן מיט דיין שלעכטער ווייב ?

זאָגט חנניה :

— גרויסער מלך ! כ׳האָב געזען, אַז מיט גוטן קאָן איך גאָר נישט מאַכן און שלעכטס טאָן מיין ווייב האָב איך אויך נישט געוואָלט. האָב איך גענומען די צוויי טויזנט זילבער, וואָס דו האָסט מיר אנטליען, און פאַרגרע־סערט מיין וואַרשטאַט. כ׳האָב גענומען מאַכן נאָך בעסערע, נאָך שענערע כלים ווי פריער און נאָך מער.

— און דאָס איז אַלץ ?

— ניין, נישט אַלץ. חוץ דעם, בין איך אַוועקגעגאַנגען צו עזריה׳ען דעם שטיינהאַקער, ער איז מיינער אַ קרוב, ער האָט אַ שיין מיידעל פאַרמאָגט, אַ שיינע און אַ קרעפטיקע, האָב איך זי גענומען פאַר אַ ווייב.

— נאָך איינע ? — רופן אויס די האַרן.

— נאָך איינע ! — זאָגט רואיק חנניה.

— און דיין ווייב האָט געשוויגן ?

— ניין, נישט געשוויגן. זי האָט אָנגעהויבן וויינען, דערנאָך זיך גע־וואָרפן שלאָגן, נישט אויף מיר, אויף מיין ניי ווייב. אָבער אויך די אַנדערע איז נישט קיין שוואַכינקע, און דערנאָך איז זי געוואוינט געוואָרן.

— און דו ? ביסטו גליקלעך ?

איך ? . . . מאַכט חנניה : איך האָב רו . . . אין מיין טעפּער־הויז ! רו האָב איך, קיינער שטערט מיר נישט, וואָס נאָך באַדאַרפט אַ מייסטער ?... איך האָב רו, און איך אַרבעט, אַדאַנק דיר, גרויסער מלך.

רופט זיך אָן שלמה צו די האַרן :

— איר זעט, מיינע האַרן, דער טעפּער חנניה האָט אייך היינט פאַר־ענטפערט, פאַרוואָס דער מלך שלמה האָט אַ סך ווייבער און צייט גענוג זיך צו פאַרנעמען מיט דער מלוכה און נאָך שאַפן לידער און משלים.

און דערנאָכדעם, ווען חנניה איז אַוועקגעגאַנגען, האָט שלמה צוגעגעבן :

— אָט דער טעפּער ווייסט דעם סוד פון פירן אַ מלוכה.

דאָך, האָט שלמה באַפוילן, מען זאָל די זאַך ניט פאַרשרייבן אין די כראָניקעס, כדי אַנדערע זאָלן נישט נאָכטון חנניה׳ען.

האָט זיך אָמער צווישן די געסט געפונען איינער פונם לאַנד „שבא" און אהיימגעקומען האָט ער דערציילט דער מלכה פון „שבא" די געשיכטע און אַזוי אַרום איז זי נישט פאַרלוירן געגאַנגען און מיר האָבן זיך דערוואוסט.

און ווייל אין אונזער צייט איז שוין נישטאָ קיין סכנה, אַז עמיצער זאָל נאָכטון חנניה׳ען, און ווייל קיין שלעכטע פרויען זיינען שוין היינט בכלל ניט בנמצא, האָבן מיר געפונען פאַר מעגלעך צו דערציילן די טשי־קאַווע געשיכטע און דערמיט נאָך איין ראיה צו שלמה׳ס גרויסקייט.



א. נ. שטענצל

# דאס קריגעלע בוימאייל

I.

מיט די ליכטיקסטע שטיינער אויסגעפלאַסטערט
ס׳איז דער עזרה־הויף פונדרויסן שוין געווען,
אַז אין גאַנץ ירושלים אין די נעכט,
ס׳האָט איינער דעם צווייטן ווי בייטאָג געקאָנט זען.

אין געשייערטן קופער פונם כיור,
און אין געהאַמערטן זילבער פון די ווענט,
שפיגלענדיק אין זיי, ס׳האָבן זיך די פרומע
מיט זייערע צניעותדיקע כלות דערקענט.

דאָס געוואָרקע פון יינגע טורטל־טויבן,
פונם קונציקן שטייגל־געפלעכט איבער קעפ !
און דער בליקנדיקער מירמלשטיין געגלאַנץ,
הויך־אַרויפשפרייזנדיקע ברייט־צעשפרייטע טרעפ — —

פורפורנער פרוכת און טעפּיך־געקניפּ,
אויסגעשפּרייט אונטער טראָט פון שעפסן און פון רינד —
איבער הערלעכע פלוינען מ׳וואָלט זיי געפירט,
צווישן פאַלמען צעפּלאַשעטע מיט שטילסטן ווינט.

אָן יעדן מום, גאַנץ איז יעטוועדעס אבר —
שאָקלדיקע קטורת־קעסלען פול מיט ווייררויך !
נישט נאָר דאָס קרבן, נאָר דער מענטש וואָס ברענגט עס,
אויפגעגאַנגען איז מיט זיין יעדן אָטעם הויך.

פון גינגאָלד און פון זילבער פון די כלים
די פינסטערסטע מענטשן־אויגן — דימענט־געבליץ !
אין אַלעמענס הערצער ס׳האָט אויפגעלויכטן,
דעם חושן דערזעענדיק, פון ציץ בלויז דעם שפּיץ.

דאָס אַלצדינג אין עזרה שוין אין חצר,
נאָך איידער דעם היכל, דעם הייליקן, דערגרייכט !
און ערשט דרינען אינם קדשי־קדשים,
פון שוועבנדיקע כרובים סודותדיק באַלייכט — — —

איבערן ארון ווי אַרויסגעוואַקסן,
פּנים־אל־פּנים אַזאַ שמייכלדיק געשוויג — — —
שלאַנק געבויגן אַזוי און שוועבנדיק לייכט,
ווי אויפצופליען מיטן אין זייער גענייג —

די צאַרטע צנועות אין דעם גינגאָלדן שטאָלץ,
די ליכטיקייטן אַרויסשטראַלנדיק פון זיי — — —
ווי די אָנגעצונדענע מנורה גלייך
לייכטן זיי לעבעדיקע די כרובים די צוויי —

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָס אַלצדינג־אָ די מנורה, דער ארון,
די אַלע הערלעכקייטן זייַנען נאָר געווען,
אַז ביים חרוב מאַכן ס׳בית־מקדש, דער פיינט,
ר׳זאָל דאָס הייליקסטע אונזערס דעמלט נישט דערזען.

ביי אַזאַ ליכטיקייט פון גאָלד און זילבער
פון די קונציקסטע כלים אין דימענט־געשיין,
אינם פאַרבן שלל פון וואונדער־דיוואַנעס,
ווער מערקט אַן ערדן קריגעלע אין ווינקל שטיין ?

אויף טייערע חפצים און איידל־שטיינער
עס וואַרפט זיך דער רויבער און עס שטרעקט זיך זיין האַנט !
אַזאַ געפעסל פון געטרוקנטן ליים — — —
דער אָרעמסטער נאָך האָט עס אין זיין היים און לאַנד.

עס מוז שוין זיין פורפור און גאָלד פון אופיר,
זאַקרויב געברענגט פון ירושלים אַהיים,
אַז גלויבן מ׳זאָל יענעם געווען ר׳איז דאָרט !
נישט אַזאַ געפעסל פון געטרוקנטן ליים — — —

אָ, פון אַ פוס ס׳זאָל נישט צעטרעטן ווערן,
דאָס גרויסע נס מוז נאָר אינם אומגליק געשעען,
איז עס דאָך, — דאָס גאַנצע בית־מקדש געביי ! —
די שייד נאָר פאַר דעם ערדענעם קריגעלע געווען.



און אפשר עס וואָלט צעטראָטן געוואָרן,
ווי פון אַ בער אומבאַמערקט ס׳ווערט צעקוועטשט אַן איי,
פון אַן אָדלער נעסט ס׳איז אַרויסגעפאַלן,
און גראָד מיט זיינע לאַפעס דער בער גייט פאַרביי.

און אפשר עס וואָלט צעטראָטן געוואָרן,
ווען ס׳וואָלט נישט געווען דער קדשי־קדשים סוד :
פון גאָרער וועלט דאָס גאָלד און די דימענטן
איין טראָפּן אינם קריגעלע נישט די ווערט האָט — — —

און אינם טומל פון טויט און צעשטערן
אויסגעשטרעקט צום קריגעלע ס׳האָט זיך אַ האַנט,
אומבאַמערקט פון קיינעם עס צוגענומען,
און באַהאַלטן עס אונטער זיין לייוונט־געוואַנט ;

אַן אַלטע פאַרמאַטערטע, פאַרצערטע האַנט,
געשטראַלט און געשטילט אין יעטווידן איר ריר —
אַ טורטל־טויב פון יענע פאָרן,
וואָס זי האָט אויפן מזבח געברענגט אָן אַ שיעור ;

אַן אַלטע פאַרמאַטערטע, פאַר׳צער׳טע האַנט,
יעטוועדער שטריך אירער פול מיט הייליקסטן סוד,
צו הויבן זי איבער וועלט און איבער מענטש,
מיט זאַלבונג און מיט בענטשונג — מיט הייליקסטן גענאָד —
— — — — — — — — — — — — — — — —

איז דאָך גוט אַז שפּעטער ערשט אויסגעשטאָכן
דעם געפאַנגענעם די אויגן זיינע מען האָט,
אַז נישט ווי געזעען ס׳קריגעלע צו נעמען,
וואָס געלעגן אַזוי זיך ס׳איז אויף גאָטס באַראָט.

II.

האָט דען אַ שיעור צו דער אכזריות פון מענטש ;
דאָס־אָ ס׳איז דעם תלינס גרעסטער תענוג געווען :
אויסצושטעכן, אויף אייביק בלינד צו מאַכן,
אויגן אַזעלכע וואָס האָבן אַזוינס געזען.

פון אַזאַ ליכטיקייט, אַזאַ גאָלד־געגלאַנץ
שטיין לאָזן אויף איינמאָל מיט פינצטערניש אין בליק —
טאַפּנדיקע חשכות, אַרום און אַרום,
אין זכרון שווינדלדיק ס׳פאַרשוואונדענע גליק!

איינמאָל נאָר איז דער טויט און פאַרגעסן ר׳איז — —
אַ קרבן אָבער מיט אַן אייביקן צאַפּל,
איז שטיין לאָזן אַ מענטש מיט אויגנלעכער,
און איבער באַקן רינענדיקע שוואַרצאַפּל.

האָט דען אַ גבול די שלעכטיקייט פונם מענטש,
אַזוי צום מענטשנס גוטסקייט קיין גרענעץ פאַראַן!
אָ, דער ליכטיקער שמייכל אויף די ליפּן,
וואַקלדיק זיך טאַפּנדיק אַ בלינדער אין שפּאַן — —

אַ באַסטרונעטע פידל זיין לייב וואָלט געווען,
אונטער זיין לייוונט־געוואַנט גייען זיינע הענט,
אַ מעלאָדיע באַגלייט פון לווים־געזאַנג
דאָס האַרטע קייטן געקלאַנג פון זיין פיס־געפענט.

אין מדבר אַרום אַ לעבעדיקער קוואַל —
די געפאַנגענע אַרום אים שטיל בלייבן שטיין!
צומאָל די שומרים־הינט, וואָס באַהיטן זיי,
זיינע רייד הערנדיק, דעם אָטעם האַלטן איין:

„. . . אַז זעעוודיקע מיינע פינגער אַזוי,
מיינע אויגן געמוזט ווערן האָבן דאָך בלינד;
ס׳איז די גאַנצע פראַכט נאָר צערשטערט געוואָרן,
אַז הערלעכער אין זיך מ׳זאָל זי טראָגן אַצינד.

וואָלטן מיינע הענט דען באַהיטן געקענט,
ווען נישט דאָס טוליענדיקע איצט וואָס איז אין זיי?
און מיין בליק מ׳וואָלט דאָך אַרויסגעלייענט — —
זענען דאָך סודות-פרייד שטאַרקער פון טיפסטן וויי!

אָ, אַז מענטשלעכער לייב געוואָרן די שייד,
ס׳לויטערסטע צו טראָגן אינעווייניק אין זיך,
איז גאַנצע וועלט דאָך דאָס קדשי־קדשים,
און יעדער מענטש צו ווערן געזאַלבטער משיח.



איז יעדער פון אונז נישט געבונדן קרבן,
און בראַנד־אָפּער, געהייליקטס, צו ווערן געברענגט?
ס׳איז דער כדור־האַרץ מזבח אַצינד,
און אונזער בלוט אין אַלע פיר ווינקלען געשפּרענגט.

אָ, דער ליכטיקער ציטער אין מיינע הענט,
מיט היילונג מיט זאַלבונג און מיט הייליקסטן גנאָד — —
מיר אַלע צוזאַמען מיר זיינען אַצינד,
דער שטיל צעשעפּטשעטער קדשי־קדשים סוד —
— — — — — — — — — — — — — — — —.

אַ באַסטרונעטע פידל זיין לייב וואָלט געווען,
אונטער זיין לייוונט־געוואַנט גייען זיינע הענט —
ס׳קריגעלע צווישן די פאַלטן באַהאַלטן,
עס צו טראָגן אַזוי אין אייביקן אַן ענד.

און אַרום און אַרום די געפאַנגענע,
נישט אין מדבר — אין מקדש זיינען זיי געווען!
און צווישן זיי אַציַנד, זיי צו באַשיצן,
אַ כרוב אַ פלאַטערדיקן זיי וואָלטן געזען — —

איז עס בענטשנדיקע הענט, איז עס פליגל?
אָ, די ליכטיקייטן וואָס שטראַלט פון זיי אַרויס,
ווי די אָנגעצונדענע מנורה גלייך,
וואָס באַלייכט יעדעס ווינקעלע האָט פון גאָטס־הויז.

אָ, די אויפגעהויבענע שלאַנקע אָרעמס,
די צעשפּרייטע פינגער איבער זייערע קעפּ!
די געהעמערטע מנורה־רערן גלייך — —
די בעכערלעך, די בלימלעך, די קונציקע קנעפּ!

שעפּטשען אין די אויערן מענטשלעכע ליפּן?
זיינען עס שטיל־פאַרשוויגענע מענטשלעכע רייד?
אַ הייליקער עגול אַרומגענומען —
פון אַ ווייררויך־פאַן גייט אויף שטראַלנדיקע פרייד —

„אָ, דער ליכטיקער ציטער אין מיינע הענט,
מיט היילונג, מיט זאַלבונג און מיט הייליקסטן גנאָד — —

מיר אַלע צוזאַמען, מיר זיינען אַצינד,
דער שטיל צעשעפטשעטער קדשי־קדשים סוד.

אָ, אַז מענטש אַזוי געלייטערט קאָן ווערן!
ווייל מיר זיינען עס, די אויסדערוויילטע גראַד,
מוזן מיר צווישן די פעלקער די נידריקסטע זיין,
און צעוואָרפענע צווישן זיי, אויף גאַטס באַראַט —
— — — — — — — — — — — — — — — —“

און ווען די וועכטערס זיינען צוגעקומען,
זיי ווייטער צו העצן מיט רציחיש געאייל,
מיט בייטשן געפייף איבער זייערע קעפ —
שאַקאַלן טשאַטעס מיט הונגעריקן געהייל,

זיינען די בייטשן זיי אַרויסגעפאַלן
פון זייער אַכזריותדיקן פויסטן־געבייל,
דערזעענדיק דעם בלינדן געפאַנגענעם
אין זיינע הענט טוליענדיק דאָס קריגעלע אייל.

הרב דוב ווארשאווסקי

## חנוכה

„די ברידער האָבן זיך עוסק געווען אין פאַרקויפן יוסף׳ן, יעקב איז געזעסן אין זאַק און האָט געפאַסט, ראובן איז געזעסן אין אַ זאַק און געפאַסט, יהודה איז געגאַנגען נעמען אַ פרוי און גאָט איז געזעסן און באַשאַפן דאָס פייער פון משיח“ (מדרש).

יאָר איין יאָר אויס ווערט געפירט דער אייביקער ויכוח מכוח דער באַ־דייטונג פון חנוכה. די „פרומע“ (זיי צו הילף קומען אויך די מאָדערנע יידע־לאַך, וועלכע פרעדיקן „יעזואיטישע תורות“....) האַלטן זיך פעסט אָן זייער שטאַנדפונקט, אַז חנוכה סימבאָליזירט בלויז דעם כוח פון גייסט (וואָלטן זיי כאָטש געהאַט עפעס גייסטיקעס . . .) און ווידערשפרעכן זייערע אייגענע תפילות וואָס זיי זאָגן אין על הנסים — „על הגבורות ועל המלחמות“. די פרייע האַקעגן, דערווידערן, ביין! חנוכה, „מכבי“ איז דער סימבאָל פון פויסט— פון „פוט־באָל“.

וועלכע פון די דערמאָנטע שיטות האָט רעכט? — מ׳מוז זאָגן אַז בײדע זיי־נען געפעלשט און האָבן ניט קיין גרונד אין דער יידיש־רעליגיעזער פילאָזאָפיע. ס׳רעדט פון זיי אַרויס צופיל פאַרטיי־פראָפּאַגאַנדע און זיינען געבויט אויף דעמאַגאָגיע.



איז חנוכה אַ נס? — ג ע װ י ס! און ווען געשעט ניט קיין נסים? אויך היינט געשעען נסים; אַז ס׳פאַלט ניט קיין „ראַקעט“ אויפן קאָפּ איז דאָך אַ נס; און אַז ס׳רייסט ניט אויף קיין „ראַבאַט“ ביי די פיס איז דאָך אַ נס. יעדע שעה, יעדע רגע וואָס מ׳לעבט איז אַ נס. אין חנוכה איז געשען ניט נאָר איי־נער נאָר פיל נסים. דאָס געפונענע קריגעלע בוימעל אין בית המקדש וואָס האָט אַנשטאָט איין טאָג געברענט 8 טעג איז געוויס געווען אַ נס. אָבער אויך די מלחמות וואָס די חשמונאים האָבן געפירט מיט די יונים איז געווען אַ נס! און דוקא דאָס לעצטע איז דער הויפּט פאַקטאָר אין ענין חנוכה. ווען ניט דאָס מסירת נפש פון דעם הייפעל חשמונאים וואָלט מען דאָס קריגעלע בוימל אין בית המקדש ניט געפונען, און דער נס פון קריגעלע בוימל וואָלט קיינמאָל ניט באַוויזן זיך.

מ׳דאַרף צוערשט באַווייזן מיט מעשים (און טאַקע מיט גייסט, ווייל וואָס איז אייגנטלעך גייסט אויב ניט מסירת נפש? . . .), אַז מ׳איז ווערט דעם נס. וואָלטן נחשון מיט זיין שבט ניט געשפרונגען די ערשטע אין ים וואָלט זיך אפשר דער ים גאָר ניט געשפאָלטן. דער ערשטער נס פון חנוכה איז געווען וואָס ס׳האָבן זיך באַוויזן די העלדישע מכבי׳ער און האָבן פשוט מיט שווערדן געהאַקט אויף רעכטס און אויף לינקס; ווי מיר זאָגן: „על הנסים, על המלחמות ועל הגבורות“ א.א.וו. זיי האָבן געוואַגט! זיי האָבן ריזיקירט! און דאַן איז ווייטער אַ נס געשען („ורבים ביד מעטים, גבורים ביד חלשים“); דאָס קליינע הייפעלע האָט געזיגט, צושטערט דאָס גרויסע גריכישע אימפעריום און באַפרייט ארץ ישראל!

ס׳איז קלאָר, ווען ס׳געשעט ניט דער נס וואָס ס׳זיינען פלוצלונג ערשינען די חשמונאים וואָלט דער נס פון קריגעלע בלוימל ניט געשען. און געזיגט האָבן די חשמונאים ניט מיט זייער כוח, מיט זייער גראָבע מוסקלען נאָר טאַקע מיטן גייסט, אָבער אויך ניט מיט דעם גייסט, וועלכן ס׳פרעדיקן אונז די היינ־טיקע אַזוי גערופענע „פרומע“, וואָס הייסן יענעם ברענגען קרבנות און אַליין גייען זיי מיטן שטראָם — אָפּאָרטוניסטן!

דער גייסט וואָס מתתיהו מיט זיינע פינף זין האָבן פאַרמאָגט איז געווען ניט קיין גייסט נאָר אַ פייער — אַ נ י צ ו ץ פ ו ן פ י י ע ר פ ו ן מ ש י ח! צו דעם דאָזיקן פייער, זאָל זיין אַ ניצוץ פון משיח, איז ניט יעדער זוכה, נאָר יחידי סגולה. ווייל קיין מענטש אין דער וועלט קען זיך ניט ערווערבן אַליין דעם „אור של משיח“. גאָט מוז אַליין באַשאַפן דעם אור של משיח און דער פייער ווערט אַריינגעלאָזן צו אַזעלכע וואָס זיינען ערליך, אמתדיק און מסירת נפשדיק. למשל ווי דוד המלך מיט זיינע מענטשן, די מרי נפש, דער בייזער אליהו הנביא, די חשמונאים א.א.

איז דאָס ניט מערקווירדיק און אויפאַלענד? עס כאַפּן זיך פלוצלינג אַרויס עטליכע אומבאַקאַנטע יינגעלייט פון שטעטל מודיעין און פראָקלאַמירן אַן אויפ־שטאַנד געגן אַזאַ מעכטיקער אימפעריום ווי די יונישע? איז דאָס ניט אַ חוצפה? . . . האַ־אַ־אַ? און וואו זיינען געווען די אָפיציעלע געקרוינטע יידישע פאַרטיי פירער מכל המינים? האָבן זיי געלאָזט?

ווער זאָגט אַז זיי האָבן געלאָזט ?—אודאי ניט, אַמאָל ווי היינט האָבן די אָפיציעלע אָרטאָדאָקסן פון איין זייט און די מתיונים (קולטור־מענטשן בלע״ז) פון דער צווייטער זייט, געשריגן און געליאַרמט „לא תרצח״ ! „דערצערנט ניט דעם גוי !״, „שלום !״ „שלום !״ זיי האָבן געוואָלט שלום מיט אנטיוכוס הרשע, האָבן זיי געוואָלט ! . . . אי, דער שונא ישראל האָט דאָך עוקר געווען די יידישע תורה, טאָ ווי האָבן אָפיציעלע יידישע פאַרשטייער געקענט שווייגן ?! נו, טאָ איז וואָס ? אָט האָבן מיר דאָך דעם זעלבן נסיון אַליין בייגעוואוינט, ווי באַבערדלטע און באַפּיאותטע רבישע און רבנישע אייניקלעך, האָבן צו נישט געמאַכט דעם פּראָטעסט געגן דער שחיטה־גזירה אין פּוילן און האָבן גורם גע־ווען אַז טויזנטער יידן זאָלן עסן טרפות, ווייל זיי האָבן אויך געוואָלט שלום מיטן „מלכות !״ עס איז אַזאַ מין עלעמענט וואָס קען שלום מאַכן מיט אַלעס און מיט אַלעמען, מיט דער ערגסטער מלכות, אפילו מיטן אשמדאי און דער לילית . . . דער דאָזיקער עלעמענט הייסט אין אונזער שפּראַך צבועק, חניפה׳־ניק, היפּאָקריט, אָפּאָרטוניסט (בלע״ז) און אין דער מאָדערנער טערמינאָלאָגיע הייסט ער — „ק ו ו י ס ל י נ ג !״ עס איז אַ טיפּ וואָס נוצט אויס אַלעס און אַלעמען פאַר זיין אייגנציקן ציל : געלד, כבוד און מאַכט. איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט, אַז עפּעס אַ לץ האָט געמוזט אויסקלערן די טערמינען : „נאַציס״, „פאַשיסטן״, א.א. ניטאָ גאָר אַזאַ מין באַשעפעניש אויף דער וועלט ! ס׳זיינען בלויז דאָ אָפּאָרטוניסטן און היפּאָקריטן ! עס איז אַ טיפּ וואָס רעדט מיט אַ שמן זיתדיקע שפּראַך און נאַרט אויס ביי יענעם די נשמה ; ס׳איז אַ טייג וואָס לאָזט זיך קנעטן. איר קענט פון זיי אויסקנעטן און אויסבאַקן שפּיאָנען און אפילו מערדער ? עס איז ניטאָ קיין נאַציס און ניט קיין פאַשיסטן ! והראיה, געפינט איר היינט עפּעס אַ סך פאַשיסטן אין רוים ?! און וויפיל נאַציס זיינען דאָ אין אַכען ? — אַ ל ע „ד ע מ אָ ק ר אַ ט ן״...

און ליידער, אַמאָל ווי היינט, זיינען די דאָזיקע צבועקעס שטענדיק אין דער מערהייט און אין שפּיץ פון פאָלק. און האָבנדיק דערגרייכט זייער ציל : (געלד, כבוד און מאַכט) האַלטן זיי אין איין שרייען „שלום !״ איר מיינט שלום פאַר יענעם ? חס וחלילה ! נאָר שלום פאַר זיך. זיי האָבן מורא, אַז מ׳זאָל ביי זיי ניט אָוועקנעמען דאָס וואָס זיי האָבן אָנגערויבט. אַזאַ מין שלום הייסט חורבן, צופוילטקייט, חניפה.

עס קען קיין שלום ניט זיין אויב ס׳איז ניטאָ קיין אמת און ערלעכקייט. צום ערשט מוז זיין אמת און גערעכטיקייט, דאַן קען שוין במילא זיין שלום ! אָבער אַזאַ שלום קומט ניט אָן לייכט ; פאַר אמתן שלום מוז מען קעמפן מסירת נפשדיק ! ווי אליהו הנביא האָט געקעמפט מיט די פאַלשע חניפהדיקע נביאים ביטער און אומברחמנותדיק. ער, דער בייזער אליהו איז דער מ ב ש ר ש ל ו ם ! דער שלום ברענגער, דער אָנזאָגער פון דער אמתער גאולה !

* * *

עס איז דער אייביקער קאַמף צווישן אמת און שקר, צווישן כאַראַקטער־מענטש און היפּאָקריט— ס׳איז דער אייביקער קאַמף צווישן גאָט־שליח און



עמלק, עמלק איז שטענדיק און אומעטום, ער איז אין יון, אין ירושלים, אין מצרים א.א. און עס איז דער געטליכער געזעץ, אַז יעדער דור זאָל אַרויסגעבן פון זיך אַן ערליכן און אמתן ייד מיט אַ ניצוץ פון אור של משיח, וואָס זאָל שניידן שטיקער פון דעם עמלק, פון דעם אָפּאָרטוניסט און היפּאָקריט. שאול המלך האָט דאָס געטון און דורכגעפאַלן, ווייל ער האָט ניט געהאַט דעם אור של משיח ; פיל רחמנות האָט ער אַרויסגעוויזן צו עמלקן. דוד המלך, די חשמונאים, אליהו און פיל אַנדערע האָבן געוואָגט און געזיגט, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט דער אור של משיח. זיי האָבן דעם עמלק, די פאַלשקייט און די אונערליכקייט אויסגעראָטן מיטן וואָרצל אָן רחמנות.

הנרות הללו קודש הם — אין לנו רשות להשתמש בהם״. דער נס קען דאַן געשען ווען די קעמפער זיינען שטאַרק אין גייסט, מרי־נפשדיק, ניט וואַקלדיק און ערליך אין געדאַנק און אין האַרצן. עטליכע יינגעלייט האָבן צונישט געמאַכט און אויסגעלאַכט די פּלענער פון אַ מעכטיקער אימפּעריום.... אָבער ווען מ׳נוצט אויס דעם קאַמף פאַר ארץ ישראל פאַר אייגענע צוועקן כדי צו שאַפן זיך רום, כבוד און פאָסטנס, דאַן קען קיין נס ניט חל זיין . . .

נאָך איז משיח ניט געקומען (אפילו אַ ניצוץ פון משיחן). ס׳איז אַזוי שווער און אומנאַטירלעך, אַז ס׳זאָל הערשן שלום אין אונזער היפּאָקריטישער וועלטל, אָט ווי ס׳איז שווער און אומנאַטירלעך, אַז דער וואָלף זאָל לעבן בשלום מיטן שעפּסל. די מענטשהייט איז שטאַרק אומבאַהאָלפן און קען ניט האָבן קיין תיקון. ס י י ד ן אַ נ ס ז אָ ל ג ע ש ע ן !

* * *

און אָט ווי אַמאָל דאָרט אין קליינעם שטעטל קוקנדיק אויף די קליינע חנוכה ליכטלעך, פלעגן אונזערע קינדערשע פאַנטאַזיעס מאָלן בילדער ווי די העלדישע חשמונאים בליקן אַריין דורך די פענסטער אין שטוב, אַזוי זע איך היינט דורך די פלעמלעך די בליקן פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס און קינדער, וועלכע ווינקן און רופן צו אונז : ז ע י ט ה ע ל ד ן ! זייט מכבייער מיט מסירת נפש ! נעמט נקמה פאַר אונזערע פאַרשניטענע לעבנס ! זיי זאָגן צו אונז : „איר ווייסט ניט וואו מיר זיינען, איר קענט אונז ניט זען, אָבער מיר זען אייך, מיר פאָלגן נאָך אייערע טריט און שריט, און וואָס רעכנט איר צו טון פאַר אונזערע ליידן ?! געדענקט איר אונז נאָך ? אָדער האָט איר שוין אונז פאַרגעסן? מיר קענען קיין תיקון ניט האָבן אין אונזערע קברים, אַזוי לאַנג, ווי אונזערע (דירעקטע און אונדירעקטע) פייניקער און מערדער, וועלכע האָבן אונז פאַרשאַטן לעבעדיקערהייט, גע׳סמט, געטרונקן אין די ימים . . . געברענט און געפייניקט מיט עגויים קשים — וועלן לעבן און געניסן פון גאָטס וועלט !״

איך האָף און גלויב אַז ווי אַמאָל, אַזוי אויך היינט, וועלן אַרויסשפּרינגען די מרי נפש און מסירת נפשדיקע גואלי הדם, וועלכע וועלן זעצן פייער צום טעמפּל פון שקר און היפּאָקריטסטווא און וועלן נקמה נעמען פאַר אונזערע קדושים !

י. ביטש

# ווען נישט דער ליבער שבת

(דערציילונג)

באמת, מיט אַלע זיינע פּרנסות וואָלט פון חיים משהן גאָר נישט איבערגעבליבן, און קיין גרויסע ירושה וואָלט ער אודאי נישט איבערגעלאָזט, צומאָל נישט קיין יורשים נאָך זיך, ווען נישט דער ליבער שבת קודש. . .

ער אַליין, אַ ברייט נידריק ײדל, מיט גרויסע אומרואיקע קיילעכדיקע אויגן, ווי ביי אַ פיש, וואָס האָבן שטענדיק עפּעס געזוכט, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי האָבן בדעה פונם קאָפּ אַרויסצושפּרינגען. זיין רויטע קאַלטענעוואַטע באָרד, וואָס איז ווי אַ צעדריוועלטער קנויל באַוועל געווען אין זיך שטאַרק צונויפגעפלאָכטן, האָט זיין פּנים אין גאַנצן אַרומגענומען, אַזוי אַז נאָר זיינע אומלויפנדע קיילעכדקע אויגן האָבן זיך אַרויסגעזען.

צוויי פּרנסות האָט חיים משה געהאַט, און פון בײדע, קוים געהאָט דאָס שטיקל אָרימע לעבן פאַר ווייב און קינדער. און צוליב דעם איז ביי זיי נישט געווען קיין שלום־בית. געהאַלטן האָט ער די באָד אינם שטעטל, וואָס פלעגט ווערן געהייצט נאָר איינמאָל אין דער וואָך, און דערצו האָט ער באַדאַרפט לויפן איבערן שטעטל און רופן ײדן אין באָד אַריין (אַ חזקה נאָך פונם זיידן). זומער פלעגט ער דינגען אַ סאָד. מחמת דעם האָט מען אים גערופן דער רויטער בעדער, און דער עפּל ײד; זיין ווייב, שרה גיטל, אַ ײדענע אַ בייזע, אַ הויכע, מיט אַ לענגלעך פאַרזאָרגט פּנים, אַ סך קינדערלעך, און טאָג ווי נאַכט, איז אין דעם קליינעם שטיבל געווען ווי אין אַ גיהנם און איר ניט געגעבן קיין אָפּרו. אויסגעשעפּט פון די כחות, האָט זי זיך שטענדיק געקלאָגט אויף איר ביטער מזל. דאָס ערגסטע איז געווען ווינטער, ווען זי פלעגט דעם גאַנצן טאָג, אין די גרעסטע קרירות און זאַווערוכעס אַרומלויפן: אויף דער האַנט אַ גרויסן קאָרב מיט האַלב פאַרפרוירענע עפּל, און יעדן דאָנערשטיק גיין איבער די חדרים, מיט הייסע באָב און פלעצלעך מיט שטיקלעך ציבעלע איינגעבאַקן. אַ דורכגעפרוירענע איז זי אין די רויע בין השמשותן אַהיים געקומען, די פיס קוים געשלעפּט און אָנגעשוואָלענע ליטקעס, מיד און קאַלט, איז זי ווי אַ הרג אַריינגעפאַלן אין בעט, מיט אַ בייז געמיט; אַ מבול פון קללות און חרמות, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביי איר דורכן שווערן טאָג שלעפּנדיק דעם קויש פון שטוב צו שטוב, האָט זיך אַ שאָט געטון אויף זיין קאָפּ. הגם ער האָט די שטוב־זאַכן אין אָרדנונג געבראַכט און זיך באַמיט אַז די קינדער זאָלן נישט דערצערנען די מאַמע. אַ פאַרביטערטע מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ האָט זי אָנאויפהערגעווײנט, זיך צוזאַמענגעדרייט ווי אַ קנויל און זיך געקלאָגט אויף אירע פאַרשפּילטע יאָרן.

די ווערטער זײנען חיים משה געפאַלן ווי די שאַרף פון אַ שווערט וואָס טרעפט גלייך אין האַרץ אַריין. אַן אויסערגעוויינליך פייער איז געווען אין זיין



בליק, ווען ער האָט עפּעס אונפאַרשטענדלעכעס אַ זאָג אַריין געטון אין די טיפקייט פונם טונקל באַלויכטן שטיבל און איז האַסטיק אַרויס, צוגעהאַקט די טיר הינטער זיך. הויל האָבן זיינע טריט אָפּגעהילכט אין דעם ליידיקן געסל, וואָס ס׳איז שוין געלעגן געזונקן אינם חושך פון ווינטער אָוונט און אַן איינזאַמער זיך געשלייכט צום בית־המדרש, צו זיין עיר מקלט. זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, ווי ער זאָל ביי קיינעם ניט זיין אָנזעעוודיק אין די אויגן, און מיט אַ געבראָכן געמיט און טרויעריקן ניגון פאַר זיך געברומט אַ קאַפּיטל תהלים. אַ באַנגנדיקער געדאַנק האָט זיך אין זיי קאָפּ אַריינגעבויערט און אויסגעפּילט זיין גאַנץ ווען: אַנטלויפן פון שטוב, און דעם לאַנגען ווינטער, צו אַ שטיל . . . שטיל . . . לעבן.

באַלד נאָך פּסח האָט שוין חיים משה זיך געגלעט דאָס רויטע צונויפגעדרייטע בערדל, און ווי אַ שטערן־זעער געקוקט אויפן הימל, ווי איינער וואָס וויל פאָראויס טרעפן, צי עס וועט זיין אַ נאַסער אָדער אַ טרוקענער זומער און, ועל כולם צי די ווינטן וועלן הייאָר אָפּטרייסלען דאָס בליעכץ פאַר דער צייט. אַ צעבראָכענער פלעגט ער יעדן אין דער פרי גלאָצן דורך דעם קליינעם פענצטערל און זיך וואונדערן אויף דעם גראָבן רעגן וואָס האָט געגאָסן און אָפּגעשווענקט דאָס הייזל. און ווען נאָכמיטאָג די שווערע וואָלקנס האָבן ערגיץ ווייט אַוועקגעצויגן, און דער הימל איז געוואָרן לויטער. די זון האָט אַ ברייטן שמייכעל געטון, פריש און וואַרים צו דער ערד, האָט ביי חיים משה זיך געוועקט די האָפנונג אויף אַ געראָטענעם זומער. אַ טיפע בענקשאַפט האָט אַרום זיין נשמה זיך געוויקעלט און מאָדנע אים געצויגן צו די שטילקייט אין דאָרף און די ביינאַכטיקע פרישקייט. אַ פאַרחלומטער האָט ער געשפּרייזט איבער די געסלעך, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן בוים, און בשעת מעשה געטראַכט פונם סאָד וואָס ער האָט געדונגען.

דאָס שטעטל איז פאַר חיים משהן געווען ווי אָפּגעפּאַסט. רונד אַרום איז געווען הונדערטער צעוואָרפענע דערפער, מיט גרעסערע און קלענערע סעדער, איינס ווייט אָבגערוקט פונם צווייטן. די הייזלעך האָבן אויסגעזען ווי שוואַרצע פינטעלעך, וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אינם גרויסן שטח. גלייך ווי דער זומער האָט זיך אַוועקגעשטעלט האָט חיים משה יעדן טאָג זיך געפּעדערט צו גיין אין דאָרף. אַ צופרידן מינעלע פלעגט זיך אויף זיין פּנים אַרויפציען, בשעת ער האָט אויסגעשפּרייט זיין רויטע פאַרטשיילע און איינפּאַקן טלית און תפילין וואָס איז געלעגן אינם סאַמעטענעם זעקעלע, מיט אַ מגן־דוד, פון לייש־גאָלד אָנגענייט; אַ דיקן סידור מיטן בענטשערל; אַ שפּיץ פון אַ ווייסן קעז און אַ קליין שוואַרץ ברייטל; צוזאַמען גענומען די פיער עקן פון די פאַרטשיילע און עס שטאַרק פאַרקניפּט, אויפגעפּאַסט אויפן שפּיץ פון דעם סענקעוואַטן שטעקן, און דאָס קליינע פּעקל אַריבערגעוואָרפן אויף דעם לינקן אַקסל און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דאָס דאָרף וואו חיים משה האָט געדונגען דעם סאָד איז געשטאַנען באַרג אַראָפּ, איינגעזעצט צווישן גרינע לאָנקעס. אַ שמאָלער טייך איז צופוסנס רוהיג

געפלאָסן און נאָנט דערביי האָט אַ גרויסער און געדיכטער וואַלד זיך געצויגן ווייט־ווייט אַוועק. אין די זומער פאַרנאַכטן, ווען די זון האָט זיך געזעצט הינטערן טונקעלן וואַל און פלאַמיק־רויט דעם אַרום געצונדן, האָט עס אויסגעזעען ווי לאַנגע פיגורן מיט פייערדיקע קרוינען אַרומגענומען מיט אַ ברייטן גרינעם גאַרטל שטייען און הערן זיך איין צו דעם טרויעריקן ניגון פון חיים משהס תהלים זאָגן, וואָס ער פלעגט אין די סודותדיקע פאַרנאַכטן אין זיין ביידל אויסזינגען. אַ צופרידענער פונם זומערדיקן לעבן אין דאָרף, און זיך זעטיקן מיט דעם פרישן ריח פון די גאָלדענע פרימאָרגנס, האָט ער זיך צוגעקוקט ווי די יונגע פויערטעס האָבן געמאָלקן די בהמות און דעם שקאָפּיק (אַ שעפּעלע אַזאַ) וואָס זיי האָבן געהאַלטן צווישן די אָבגעדעקטע קני און די אַנטוויקלטע ברוסטן זייערע, וואָס האָבן זיך שטאַרק אַרויסגעשפּאַרט פון די רויטע בלאָזקעלעך, האָט געריצט מיט דאָרפישער געזונטקייט; אַ זינדיקער געדאַנק האָט זיך אין זיין מוח אַריינגעבויערט און ווי אַ זלידנע פליג אים ניט געלאָזט צורו. כדי צו פאַרטרייבן די שלעכטע געדאַנקען האָט ער גענומען דאָס קליינע קריגל וואָס ער האָט מיטגענומען פון דער היים און געבעטן אַביסל מילך. אָבער בשעת נעמען דאָס קריגל מילך פון די יינגע פויערטעס צעפּאַרעטע האַנט, האָט ער אַ מאָדנע ציטער געטון און געפילט ווי ווערעמלעך וואָלטן איבער זיין לייב געקראָכן. ביינאַכט האָט ער געזעען שלעכטע חלומות און נישט געקענט איינשלאָפן.

גאַנצע טעג איז חיים משה אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ און געהאָפּט, אַז באַלד, באַלד. אַ וואַרימע פרייד האָט זיך צעגאָסן אין אַלע זיינע גלידער. געטריבן פון אַ אינעווייניקסטן געפיל האָט ער פרייטיק נאָך גאַנץ פרי, ווען די ערשטע ליכט שטראַלן האָבן די נאַכט דורכגעבראָכן, געאיילט אַהיים צום ווייב אויף שבת. אויפן וועג זיינען אים טויזנטער מחשבות אין קאָפּ דורכגעלאָפן, אַזעלכע מחשבות ווען זיי וואָלטן אים איינגעפאַלן אין מיטן דער וואָך, וואָלט ער געמיינט אַז ער ווערט משוגע. און פלוצים אַזוי ווי אין אַ שפּיגל דערזעען זיין גאַנץ נעבעכדיקן לעבן. די צוויי געהרגעטע פרנסות משטיינס געזאָגט, פון ווינטער לויפן איבערן שטעטל און שרייען יידן אין באָד אַריין, און זומער זיך וואַלגערן אין די דערפער אַליין. און וואָס האָט ער דערפון קוים קוים דאָס זינדיקע לעבן צו דערהאַלטן. כאָטש עס איז ערשט געווען אין מיטן זומער, האָט זיך אַ האַרבסטיקער טרויער אין זיין האַרץ אַריינגעריסן, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער הימל, די ביימער זיינען ברוגז און ער און אַלץ אַרום זיינען מיאוס אָפּגענאַרט; פאַרטיפט אין זיינע רעיונות, האָט ער האַסטיק געשפּרייזט איבערן זאַמד און אויפגעהויבן אַ גאָלדענעם שטויב, און געשפּרייזט הינטער זיך; דער הימל האָט זיך שוין שבתדיק איבערן שטעטל געלייגט און דער ריח פון געפּעפּערטע פיש האָט דאָס געסעל אויסגעפילט, ווען חיים משה איז פון דאָרף געקומען.

די שטוב איז שוין געווען צוגערוימט און אַלץ איז געשטאַנען אויף אָן אָרט. שרה גיטעל, אַ פאַרשמייעטע פון וואַשן און קעמען די קינדער, האָט זי פון



יוצא וועגן, ניט קוקנדיק אין זיין זייט, גלאָט אַזוי אַ זאָג געטון, חיים משה אַזוי שפּעט. די שבתדיקע מנוחה האָט דאָס שטעטל פאַרכאַפּט און איינגעוויגט זיין שטיבל אין אַ זיסע שטילקייט. אָבגעשטויבט פון דער נשמה דעם אינדערוואָכנדיקן יאָך, דער שטענדיקער רוגז איז ביסלעכווייז צערינען. און יעדעס צווייטע יאָר האָבן די קינדער שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אויף עפּעס שוין געוואָרט.... און שרה גיטל האָט דאָס שטיבל באַרייכערט מיט נאָך אַ קינד. דאָס שטעטל וואָלט אַוודאי געבליבן אָן אַ נייעם דור, און חיים משה אָן קינדער, ווען נישט דער ליבער שבת.

---

ש. שפּיזמאַן *

# לייבקע געמבלער

(אַ מאָנאָלאָג, געלייענט אין יידישן קולטור־קלוב, ביי אַ פאָראַנשטאַלטונג פון אַ הומאָריסטישע „לעבעדיקע צייטונג").

איר קענט דאָך אודאי לייבקע געמבלער! ווער קען דאָס נישט לייבקע געמבלער. ביי די ערשטע פּאָר ווערטער, וואָס איר רעדט מיט אים, וועט ער אייך איבערשפּאַרן און זאָגן „איי בעטש יאָ", און שטעקט אַריין די האַנט אין הויזן־קעשענע, מעשה וואוילער־יינג, כדי אַרויסצונעמען אַ האַלבע קרוין. נאָר ער האָט קיינמאָל נישט אַ פּעני ביי דער נשמה. און צוריק געשמועסט פון וואַנען זאָל לייבקע געמבלער האָבן געלד? אַז פרייטיק נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען זיינע ווייִדזשעס, לויפט ער גלייך אַוועק צום בוקמייקער, פאַרטאַכלעוועט דאָרט זיין שווער אויסגעהאָרעוועט ביסעל געלט: פערדלעך, הינטלעך. איר מוזט וויסן, אַז לייבקע איז אין הלכות פערד אַ גרויסער בקי, ער רופט זיי אייך אָן ביי די נעמען: יודשידשי, הערינגבוין, קינגסוועי, יומידעד, פּינקפלאוער, מערטשענטנעווי און נאָך און נאָך. דאָס, זאָגט ער, איז אייך אָפּ ווי אַ מזמור פון אויסנווייניק. צווישן אונז זאָל עס בלייבן, קיין גרויסער מייסטער אין די דראָבנע אותיותלעך איז ער נישט. אַז עס קומט אים אויס אַמאָל אונטערשרייבן זיין נאָמען שוויצט ער נעבעך אַז ס'איז פּשוט אַ צער בעל חיים.

* שפּיזמאַן געהער צו די „אַקטיוויסטן"־חברים פונם יידישן קולטור־קלוב, וואָס אַחוץ זייער אַקטיווער קולטור־טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס פּרובן זיי אויך אַליין זייערע אייגענע קינסטלערישע כוחות. דער דראַמאַטישער־קרייז אָנגעשלאָסן ביים קלוב אונטער דער רעזשי פון אשר פּרוכט, האָט זיך שוין אַביסל קונה שם געווען. און צום קרייז ווידער, וואָס פּרובן זיך מיט שרייבן געהער עלנצוויג, אייזיק גאָלדבערג, בוימערדער, פלאַצקי, פרוי מאַרקוס א.א. מיר דרוקן אָפּ שפּיזמאַנס מאָנאָלאָג „לייבקע געמבלער", וואָס פּאַסט אַריין אינם העפט „לכבוד חנוכה", און ווייל ס'שיינט אונז אויך צו זיין איינס פון די בעסטע פון די אַרבעטן פון דעם קרייז און כדי צוצוגעבן מוט צו זייער שרייבערישן קוראַזש. —ש.

דערפֿאַר האָט ער אָבער אַ גוטן זכרון צו די פֿערד. ער וועט אייך אַפֿילו אויסרעכנען דעם יחוס פֿון יעדן פֿערד, ווער זייער טאַטע־מאַמע זענען געווען, אַפֿילו אַ פּאָר דורות.

לייבקע האָט זער ליב צו דערציילן פֿון זיינע אַמאָליקע גרויסע געווינסן. ער קומט פּשוט אַריין אין אַ געוואַלטיקער התלהבות, ווי ער האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק איינמאָל באַקומען אויסגעצאָלט 29 צו 1. וואָס זאָל איך אייך זאָגן—דערציילט ער—איך האָב דאַמאָלט באַקומען אַזויפֿל געלט, אַז איך האָב פּשוט נישט געקענט איבערציילן . . . אַ צווייטע זאַך דערציילט ער ווייטער: איך געדענק מיט אַ יאָר אַכט צוריק, פֿאַר אַ שבועות, איז עס געווען, האָב איך געזעצט אויף דעם פֿערדל יופּיטער, ווי אַזוי עפּעס יופּיטער? גאָר פּשוט, איך האָב גענומען די צייטונג ווי אַלע פֿערד זענען אָנגעשריבן, צוגעמאַכט די אויגן און מיט אַ שפּיציק מעסער געגעבן אַ שטאָך, און דאָס האָב איך געזעצט. חברה האָט מיך אויסגעלאַכט, נאָר איך האָב מיר געטון דאָס מייניקע און געזעצט נאָר יופּיטער. און מיינט איר וואָס איז געוואָרן דער סוף? די אַלע וואַזשנע פֿערד זענען געפֿאַלן, ווער צעבראָכן אַ פֿוס, ווער סתם צעמזיקט, און מיין יופּיטער איז געקומען אַלס ערשטער. טרעפֿט וויפֿיל איך האָב דעמאָלט באַקומען אויסגעצאָלט? איר וועט אודאי נישט טרעפֿן 42 צו 1 — האָט ער אויסגערופֿן מיט שטאָלץ!

אַזוי האָט לייבקע געמבלער געלעבט מיט זיינע באַרימערייען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. פֿון זיינע פֿאַרלוסטן און פֿאַרלירעכצן, אַ גאַנצע רייע פֿון יאָרן, פֿון דעם רעדט לייבקע, נאַטירלעך גאָרנישט.

נאָר יעצט שפּילט לייבקע מיט אַ סיסטעם. ער וועט אייך קיינמאָל נישט וועטן אָן אַ טיפּ. ער באַקומט — פֿאַר געלט פֿאַרשטייט זיך—אַ „טיפּ“! און ער גלויבט אין דעם ווי אין גאָט, און פֿאַרשפּילט טאַקי ווייטער. יעדן שבת, אַז ער הערט זיין מפּלה, זאָגט ער, איך וועל מער נישט שפּילן, שרייט און געוואַלדעוועט, זיי זענען שווינדלער און באַטריגער א.אַז.וו. נאָר ווייסט איר, ווי לאַנג ער האַלט וואָרט? ביז פֿרייטיק. קוים באַקומט ער דאָס ביסל געלט אין די פֿינגער, איז היידאַ צום בוקמייקער.

ווער שמועסט אַז עס קומט צו דער דערבי, דעמאָלט איז גאָר לעבעדיק. חברה געמבלערס ווערן רירעוודיק. מען שפּאַרט און מען אַמפּערט זיך ווער האָט מער אויסזיכט צו געווינען. עס קאָכט זיך אַזוי ווי להבדיל פֿאַר ימים־נוראים אין אַ קליין יידיש שטעטל. אונזער לייבקע איז אויך זייער ביזי. היינט האָט ער געצפּאַקט דעם אמתן טיפּ. נישט אַזוי לייכט איז עס לייבקען אָנגעקומען. אָבער ער האָט עס. יומידעד, הייסט דאָס פֿערד. אַז ער וועט דאָס מאָל געווינען, אין דעם איז ער געווען גאַנץ זיכער, דעם היינטיקן טיפּ האָט ער באַקומען טאַקי פֿון די ערשטע קוועלע, צוויי פֿון די גרעסטע געמבלער האָבן אים הונדערט פּראָצענט פֿאַרזיכערט, אַז נאָר יומידעד וועט געווינען. לייבקע האָט אויסגעבעטן פֿאַר אַ וואָך שכירות אין פֿאָרויס. ער האָט פֿאַרזעצט וואָס נאָר ער האָט געקענט, אַפֿילו די צוויי מעשענע לייכטער, אַבי נאָר צו באַקומען



וואָס נאָר מער געלט. אַ קלייניקייט אַזאַ גוטע געלעגנהייט טאָר מען נישט פֿאַרפּאַסן. דער טאָג איז געקומען, שבת, הייסט עס. לייבקע האָט קוים געקענט זיך דערוואַרטן ביז מיטאָג. ער שטייט ביים ראַדיאָ, אַ בלאַסער, אַ שרעקלעך דענערווירטער. די מינוטן האָבן זיך ווי שעהן געצויגן, נישט געקענט זיך קיין אָרט געפֿינען. ענדלעך, ענדלעך, ער הערט אַ שאָס, און דאָס ווילדע געיעג הייבט זיך אָן. ער הערט אַ שטימע אַן אויפֿגערעגטע ביים מיקראָפֿאָן: יומידעד מיט אַ קאָפּלאַנג פֿאָרויס. אַ סעקונדע שפּעטער: מערטשענטנעווי דעריאָגט אים. אַ שרעקלעך געשריי פֿון די צענדליקער טויזנטער צושויער. ביז צו משוגעת געשטייגערטן טומל. אויף איינמאָל הערט זיך די זעלבע שטימע ביים מיקראָפֿאָן: יומידעד געפֿאַלן, געשטירצט, דער זאָקיי פֿערוואונדעט. . . לייבקען איז געוואָרן שווינדלדיק פֿאַר די אויגן. ער האָט געפֿילט, אַז דער באָדן פֿאַרשווינדט אונטער זיינע פֿיס. ער האָט זיך געוואָלט אָנכאַפּן אָן דעם טיש, נאָר נישט געקענט דערגרייכן . . .

אויפֿגעעפֿנט די אויגן האָט ער אין אַ גרויסן ליכטיקן זאַל, געהערט דאָס געוויין פֿון זיין ווייב. אַרום אים זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן, אודאי דאָקטוירים, ער האָט נאָר געהערט איינצעלנע ווערטער: ווי ברעיקדאון, פֿיל בלוט פֿאַרלאָרן, די רעכטע זייט פֿאַראַליזירט . . .

• • •

אַ יאָר שפּעטער זעען מיר ווידער לייבקען. נאָר עס איז נישט מער דער אַמאָליקער לייבקע. ער גייט אָנגעלענט אויף אַ שטעקן, ער הינקט אַביסל אונטער, דאָס פּנים איז זער איינגעפֿאַלן און איז שטאַרק אַלט געוואָרן; עפּעס האָט עס אַזאַ מאָדנע געלע פֿאַרב באַקומען. אויך זיין רעדן איז אַזוי שטיל געוואָרן. נאָר אַז ער טרעפֿט זיך מיט חברה געמבלער פֿרעגט ער מיט אַ שוואַכער שטימע: אפֿשר האָסט דו עפּעס אַ גוטן טיפּ פֿאַר מיר . . .

---

יוסף הלל לעווי

## שכנא זאַגאַן אין אונזער יידישער סביבה

(סוף)

דאָס איז ניט געווען דער איינציגער פֿאַל, וואָס ש. זאַגאַן האָט פֿאַר יידיש געקעמפֿט און זיך איינגעשטעלט דערפֿאַר. אין אַלע זיינע פֿאָרטראָגן, דיסקוסיעס, פּאַרטיי צוזאַמענפֿאָרן און אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, איז די ליבע צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור ניט געווען קלענער ווי די ליבע צום פּראָלעטאַריאַט און צום סאָציאַליזם.

יידיש,—האָט ער תמיד געטענהט, איז היינט אונזער לשון קודש, מחמת דער פּראָדוקטיווער מענטש וואָס איז דער ווערטפֿולסטער און ערלעכסטער עלעמענט פֿון יידישן פֿאָלק האָט די שפּראַך געהייליקט מיט זיין הפֿראַאישן קאַמף פֿאַר אַ נייעם און גערעכטן לעבן. דערפֿאַר האָט זאַגאַן קיינמאָל ניט

אויפגעגעבן דעם קאַמף פאַר יידיש ווי אַ סך לינקע פועלי ציון האָבן עס געטון, פון רעכטע שוין אָפּגערעדט; נאָר געבליבן אַ פאַרעקשנטער יידישיסט ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער האָט אויך שטאַרק געגלויבט אָן דעם, אַז יידיש וועט אפילו נאָך אין פּאַלעסטינע אויפלעבן, הגם מ'טעראָריזירט עס היינט אַזוי. איז פּאַלעסטינע באַשערט צו ווערן אַמאָל אַ גרויסער קיבוץ פון יידישע פאָלקסמאַסן, וועלן די מאַסן ניט לאָזן זיך טעראָריזירן און אַרויסשניידן זייער יידישע צונג; און אַריינזעצן אַ קינסטלעך פרעמדע, פון אַ סעקטע געשווענצלטע כהנים, ווייל זיי ווילן עס אַזוי האָבן, די פאָלקס־פרעמדע אַראַגאַנטן און פּאַסקודנע סנאָבן. און אויב יידיש וועט ניט קענען ווערן די הערשנדיקע שפּראַך אין לאַנד, וועט מען צום מינדעסטענס מוזן לאָזן אויסלעבן די מאַסן אין דער שפּראַך וואָס וועלן עס פאַרלאַנגען,—און פאַרלאַנגען אפילו מוז מען אויך אַ מאָסע אויסלערנען. דעם סאָציאַליזם האָט מען אויך ניט פאַרלאַנגט, דעם ציוניזם נאָך ווייניקער, און דאָך האָט מען די מאַסן אויסגעלערנט ביידע פאָדערן און פאַרלאַנגען! . .

ווען זאַגאַן האָט זיך דערוויסט אַז איך בין 1930 געווען אין וואַרשע איז ער תיכף אין דער פרי אין האָטעל אַריינגעקומען צו מיר אַן אויפגערעגטער, געסאָפּעט מיינע וואַליזן און מיך געבראַכט צו זיך אין דער ענגער וואוינונג אַריין וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קיך און אַ שלאָפצימער אין מוראַנאָוו און געזאָגט צו מיר: אַ שיינער חבר ביסטו מיר דאָס, זיין אין וואַרשע און וואוינען אין דער פרעמד; און ווען איך האָב אים איבערגעהאַקט אַז די וואוינונג איז ענג, האָב איך געמיינט . . . האָט ער מיר גלייך געענטפערט שלעכט האָסטו געמיינט, ביי מיר איז קיינמאָל ניט צו ענג, ענג איז נאָר ביי באַשרענקטע . . . אַז מיין פרוי מיט מיר און מיין יינגעלע האָבן דאָ פּלאַץ, וועט זיך פּלאַץ פאַר דיר נאָך געפינען. אַז איך רעד שוין פון מיין יינגעלע וועל איך אים דיר ניט פאַרזוימען פאָרצושטעלן אַלס אַ תלמיד אין דער ערשטער קלאַס, פון דער לינקער פועלי־ציוניסטישער יידישער פאָלקסשול. און דאָס איז מיין פרוי: חברטע גוסטע טרויבמאַן (איר מיידל נאָמען), מיר קענען זיך שוין דוכט מיר, האָט זי געשמייכעלט, אויב איך האָב ניט קיין טעות, נאָך פונם קראָקעווער „רהל־פאַריין“.

קיין סך איז מיר דעמלט ניט באַשערט געווען מיט זאַגאַנען צו פאַרברענגען, הגם כ'האָב ביי אים געוואוינט, מחמת ער איז שטאַרק פאַרנומען געווען אין יענער צייט מיט פּאַרטיי זיצונגען. פון זיין פרוי בין איך דערגאַנגען אַז ער האָט אָפּגעדינט פיער לאַנגע יאָרן ביי קירען, געווען אַ פעלדפעבל, און באַלד נאָכן קריג האָט אים בעלאַ קוהן, דער אָנפירער פון דער אונגאַרישער ראַטן־רעגירונג צו זיך פאַרבעטן און ער איז געווען זיין סעקרעטאַר ביז צו דער לעצטער מינוט ווען די האַרטי־באַנדן האָבן די יונגע קאָמוניסטישע רעפּובליק בלוטיק אַנידערגעשלאָגן. זייענדיק פערמשפּט צום טויט מיט בעלאַ קוהנען, איז עס זיי קוים געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פון די פינצטערע האָרטישע לאַפּעס.



ווייל זאַגאַן האָט דעמלט אַזוי ווייניק צייט געהאַט זיך מיט מיר אָפּצוגעבן איז עס פאַרבליבן, אַז ער זאָל זיין רייזע וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן לטובת דער יידישער פאָלקסשול מאַכן איבער מינכען; כדי צו האָבן די מעגלעכקייט זיך מיט מיר מער אַדורכצושמועסן און טאַקע אויך טיילן אונזערע יוגנט־זכרונות פון די לאַנגע אַמאָליקע גליקלעכע יאָרן וואָס מיר האָבן בייגאַנט פאַרבראַכט.

זאַגאַנס אַ בריוו איז נאָך צו מיר דערגאַנגען, אין וועלכן ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז ער קלייבט זיך שוין צו פאָרן און אַז ער וועט אַוודאי באַלד קומען; אָבער אָנשטאָט אים איז געקומען היטלער, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונגען פאַר יעדן פּראָגרעסיוו דענקנדן מענטשן און בפרט פאַר אַ יידן.

זאַגאַן האָט צייט ער איז פון עסטרייכישן חיל אַרויס געלעבט אין פּוילן. אָפּגעזאָגט זיין ברודער (וועלכער איז געווען אַ באַקאַנטער פרויען־אַרצט אין בערלין) גוטע לעבנסמעגלעכקייטן וואָס ער האָט אים אָנגעבאָטן ווען ער וועט צו אים קומען.

די גאַנצע צייט איז ער נאָך פאַרבליבן צווישן זיינע גייסטיקע ברידער אין פּוילן, געלעבט אַ פּראָלעטאַריש אָרים לעבן; געווען אַ געטרייער עקזעקוטיוו מיטגליד פון דער לינקער פועלי־ציון. מיטגעאַרבעט אינעם וואָכן־זשורנאַל, וואָס זיי האָבן אין וואַרשע אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט יעקב קענער און זרובבל *) און אַנדערע. געהאַלטן פאָרטראַגן, געפאָרן אויף אַגיטאַציע, געאַרבעט אין דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע, אַלץ פאַר זיין אידעאַל—פאַר די באַפרייאונג פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט. ניט פערלאָזן וואַרשע ווען אפילו די מאָוימדיקע פלאַמען האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט די לעצטע הייזער פונם יידישן געטאָ, און ביז עס האָבן די רוצחים אים ניט געטראָפן, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען דער פעלדפעבל פון דער יידישער געטאָ שכנא זאַגאַן,—ווי אַ פעלדזן פעסט מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, און ניט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן אַלס אַן אָנפירער אין אַ באַצירק פונם וואַרשעווער אויפשטאַנד; נאָר געקעמפט געטריי און איבערגעגעבן, אַזוי ווי ער איז געווען אין זיין גאַנצן לעבן, פאַרן

* מיט זרובבל'ס איבערנעמען די רעדאַקציע פונם „יידישן אַרבעטער“ (געוועזענער אָרגאַן פון דער עסטרייכישער פועלי ציון) האָט אָנגעהויבן אַ נייער ווינט איבער גאַליציען צו ווייען; היינט ערשט ווען זרובבל איז געקומען קיין קראָקע טים זיינע פערלדיקע פאָלקסלידלעך און קלאַסישע פאָרטראַגן,—איז די שמחה געווען פּשוט אין לשער. מחמת אַ רעדנער מיט אַזאַ בריליאַנטענער יידישער שפּראַך, געהויבענעם זין, און מיט אַזאַ לעגענדאַרישער קאָנסטרוקציע, האָבן מיר נאָך ביז אים קיינמאָל ניט געהאַט געהערט, און וועלן עס אויך מער ניט הערן. ווייל אָן אַ גוזמא, איז זרובבל געווען און בלייבט דער בעסטער יידישער רעדנער. באַזונדערס זיינען זיינע פאַרדינסטן ווי שוין דערמאָנט געווען גרויס, אויפן ליטעראַרישן געביט, ווייל ער האָט דערהויבן דעם עסטעטישן געשמאַק אָנגעבנדיק מער פּלאַץ אינם „יידישן אַרבעטער“ פאַר בעסערער ליטעראַטור.

UN LEF
944

כבוד פונם יידישן אַרבעטאַרער. און האָט ער ניט געקענט לעבן מער פריי, איז ער כאָטש געשטאָרבן ווי אַ העלד—שטאָלץ און פריי, ביז ער האָט זיין לעצטן אָטעם ניט אויסגעהויכט איז ער פון זיין פּאָזיציע ניט אָפּגעטרעטן, נאָר געהייליקט זיין קאַמפּולן ערלעכן לעבן מיט אַ מאַרטירערישן טויט.

די אייביקע אומדערמידלעכע איבערגעבנקייט זיינע פאַר זיין ליכטיקן אידעאַל וועט קיינמאָל ניט ווערן פאַרלאָשן, נאָר ווייטער לעבן אין די הערצער פון זיינע חברים, און באַלייכטן דעם ערלעכן לעבן זיינעם—וואָס האָט פאַרשריבן אַ רומפולן מערטירעריש גרויסן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער „לינקער פועלי־ציון באַוועגונג״, אַזוי ווי אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין גרענד פּאַלעי, קאָמערשעל רויד, א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 2־טן דעצעמבער, וועט שלמה אויערבאַך האַלטן אַ רעפעראַט איבערן שאַפן פון דעם יעצט פאַרשטאָרבענעם העברעאישן ראָמאַן־שריפטשטעלער א. א. קאַבאַק.

שבת, דעם 9־טן דעצ., וועט דר. אַלשוואַנגער האַלטן אַ רעפעראַט איבער איוב.

שבת, דעם 16־טן דעצ., וועט זיין די טראַדיציאָנעלע חנוכה־נאָכמיטאָג. דאָראַ דימענט, ביעטש, ש. ראָטה און אַנדערע וועלן פאָרלייענען חנוכה־דערציילונגען און דעקלאַמירן חנוכה־לידער פון שלום עליכם, פּרץ, פּרוג, ראָזענפעלד א.א. א. גאָלדבערג וועט פאָרלייענען: משה אַלטמאַנס דערציילונג.

שבת, דעם 25־טן, וועט רעוו. מייעראָוויטש האַלטן אַ פאָרטראַג איבער די ניגונים פון זמירות. דיריגענט שוט וועט זינגען מיטן כאָר פון דער דיוקס פּלייס שוהל. מ׳וועט פאָרלייענען „זמירות איבערזעצונגען פון מענדעלע מוכר־ספרים.

שבת, דעם 30־טן, וועט פאָרקומען דער טראַדיציאָנעלער מענדעלע מוכר־ספרים געבוירנטאָג. מיט רעדעס און מיט פאָרלעזונגען וועלן זיך באַטייליקן אליהו פּאָלושאָק, מ. מינדל.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאָוועל סטריט, א.1.

**פּרייז -/1.**

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES